שנה ה'
פרשת כי תבוא
נומער 281

# קרית ברסלב בלעטל

גינסטיגער אורטייל איבער מוסדות התורה
גרשון קרעמער

א רענצל וועש מיט א זעקל האניג קיכעלעך
משה ארי' שניצלער

א שבת מיטן דיין שליט"א
ישראל דוד העסקעל

די שיינע הערבסט ביימער
גרשון קרעמער

ער וויל זאלסט פארמאכן די משניות
אהרן קליטניק





# רבי איך קום!

## א וואך צום רבינ'ס ראש השנה תשפ"ו

קרית ברסלב בלעטל

פרשת כי תבא תשפ"ה • 281




אומאן בנין אפדעיטס 4




8 געריכט לטובת די מוסדות



פראיעקט ראש השנה תשפ"ו חלק ג' 23

| | |
|---|---|
| 14 | בריון פון ראש ישיבה |
| 23 | ברסלב'ע שטוב |
| 43 | קינדער בלעטל |
| 50 | געשעעניש |


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמא

**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל

**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמא
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמא
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידיש שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

## זמנים
כי תבא כ' אלול

הדלקת הנרות . 06:54
מוצאי שבת ..... 08:23

**מנחה מעריב**
**פרשת נצבים 8:00**










במוצאי מנוחה
קדמנוך תחלה
כאפט אייער זכות פאר די ימים
נוראים און נעמט דעם שטערקסטן
זכות פאר דעם יום הדין
• זכות פרנס השנה $18,000 •
• זכות פרנס החודש $12,000 •
• זכות פרנס השבוע $5,000 •
• זכות פרנס היום $3,600 •
• זכות תומך $1,800 •
וזאת התורה לא תהא מוחלפת
קרן הצלה
למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש
*sruliHeskel

# היכל הקודש נייעס



## אומאן

אין די טעג גרייט מען זיך פון אלע שיכטן און קרייזן פון כלל ישראל, צום בעפארשטייענדען ראש השנה הבא עלינו לטובה מיט תפלות, קבלת טובות, און אזוי אויך רייזע פלענער צו קענען קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

אויך דער בנין היכל הקודש אין אומאן, ווערט צוגעגרייט אין די טעג צו קענען אקאדאמירן די הונדערטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע וועלן האבן די זכי' און מיטלעבן דעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה שליט"א וועלכע וועט זיין דער שליח ציבור מיט זיינע הארציגע תפילות, אויפטרעטן מיט דרשות התחזקות, בלאזן שופר, אנפירן מיט די סעודות שבת ויום טוב, און אויפנעמען די טויזנעטער אידן ביי "פדיון נפש".

נאך די הארואוויע פון די פארגאנגענע יארן בס"ד באשטייט דער בנין היינט פון:

* א גרויסע בעיסמענט שטאק וואס אנטהאלטן דער גרויסער קאמערציאלער קאך, ווי אינגעלייט שטייען שעות אריכות און געבן ארויס טויזנטער פארציעס יעדן טאג במשך די וואך.

* א שיינער באקוועמער מקוה, מיט פילע שויערס, צו קען אקאמאדירן דעם גרויסן ציבור.

* דער ריזיגער בית המדרש, וואו אידישע הערצער וועלן ווערן אויסגעוואשן און נתעורר לתשובה דורך די תפילות און דרשות ראש ישיבה. אין די אנדערע צייטן גייט ארויס פון דארט טויזנטער שעות תורה.

* דער גיגאנטישער טענט, ווי מען רעכט אפ מיט גרויס געהויבענקייט די סעודות שבת ויום טוב, מיט שירות ותשבחות צום אייבערשטן, על כל החסד וואס ער טוט מיט אונז, בפרט אז מיר ווייסן פון רבי'ן, און בפרטי פרטיות אז מיר זענען זוכה צו זיצן אין אומאן בצל הקודש פון הייליגן רבי'ן אום ראש השנה.

* די פיר שטאק העכער דעם, ווי איבער זעקס הונדערט מאנשי שלומינו שלאפן און שעפן זיך אן מיט פרישע כחות צו קענען אנגיין נאך א טאג מיט דינען דעם אייבערשטן.

אנשי שלומינו זענען גאר שטארק דאנקבאר פאר די עוסקים במלאכת הקודש, און נאך מער פאר די פילע תיקונים וואס זענען געמאכט געווארן אין די לעצטע יארן. בפרט די גאר גרויסע זאכן וואס מען האט געטון לעצטע יאר בס"ד, צום ביישפיל אז די סעודות זענען מער נישט אין בית המדרש, נאר אינדרויסן אינעם טענט, די פארגרעסערטע מקוה, די גרויסע באקוועמע קאווע סטאנציע, אזוי אויך דאס וואס פילע פון אנשי שלומינו וואס האבן גענומען אחריות'ן צו אויספירן פליכטן, און מיט דעם ערמעגליכט פאר די פירנדע עסקנים בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א זאלן קענען טון וואס עס ליגט אויף זיי.

פארגאנגענעם וואך איז פארגעקומען א מיטינג ווי די עוסקים במלאכת הקודש זענען געזיצן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און איבערגעגאנגען די עקספירינס און שוועריקייטן וואס זיי האבן

געהאט פאריאר, און מען האט מטכס עצה געווען וואס מען קען פארבעסערן.

צווישן די זאכן וואס ווערן בעז"ה מסודר היי יאר איז:

* דער צווייטער שטאק פון די שלאף צימערן ווערט פולקאם פארטיג.

* די ארבעט פון די עסקנים וועט ווערן בעסער איינגעטיילט, אז עס זאל נישט ליגן אויף איינצעלנע מענטשן מער פון וויפיל זיי קענען דערהייבן.

* דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל צושטעלן קידוש און איבערבייס פאר די וואס קומען נאר צום דאווענען, זיי זאלן קענען אויספאסטן איידער זיי גייען צו זייער אכסניות, אן ערך פון א האלבע שעה וועג.

* מען האט אויפגענומען מו"ה ישעי' איידליס הי"ו ער זאל נעמען הגהות והערות פונעם ציבור, און זיין אויפגאבע וועט זיין צו איבערגיין אלעס, און זיכער מאכן בעז"ה אז מען פאררעכט וואס דארף ווערן פארראכטן.

* מען האט פארראכטן דעם דאך, וואס איז געשעדיגט געווארן אנפאנג יאר פון א בליץ, און מען האט אינסטאלירט א גוטע און קאסטבארע בליץ כאפן סיסטעם, כדי עס זאל זיך נישט בעז"ה איבער'חזר'ן.

אינעם בנין אליינס טוט זיך שוין יעצט העפטיגע אקטיוויטעטן: מען וואשט שוין אויס די לינען, די פרישע בשר בהמה בהכשר העדה החרדית ליגט שוין גרייט אין די גרויסע פריזערס, די בשר עוף ווערן יעצט גע'שחט'ן, און נאך פילע פראדוקטן ווי מעל, צוקער, אויל, מילך, אייער, קאווע, סאדע, פרוכט, גרינצייג און אזוי ווייטער, גייען שוין אנהייבן אנקומען אין די קומענדיגע טעג.

די בענקשאפט ביי אנשי שלומינו צו קומען צום רבי'ן שטייגט מיט יעדן טאג, און מיר זענען מתפלל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו קענען מקיים זיין דעם בקשה פונעם רבי'ן, און קומען צו אים אויף ראש השנה, און מיר זאלן קענען מתפלל זיין און אויסבעטן פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל א גוטע זיסע און געבענטשטע יאר.

**ראש השנה שלי עולה על הכל**







| | | |
|---|---|---|
| זכות קומה | $360,000 | |
| זכות פרוזדור (נמכר) | $100,000 | |
| זכות שער הבנין | $72,000 | |
| זכות שער | $36,000 | |
| זכות השלחנות | $32,000 | |
| זכות מזוזות | $26,000 | |
| זכות נטילת ידים | $24,000 | |
| זכות חדר מלמד | $18,000 | x2 |
| זכות חלון | $18,000 | x13 |

## זכות כתה

## $50,000

נמכר | נמכר | נמכר | נמכר | נמכר | נמכר | נמכר | נמכר

*sruliHeskel


ברווח פלאץ פאר נאך 200 קינדערלעך
הרחבת הדעת פאר די מלמדים
איבער 9000 סק' פס
קרן הבנין
מגבית
הרחבת
גבולי קדושה
צו נעמען א זכות אינעם בנין קען מען זיך
ווענדן צו די געטרייע גבאים פון 'קרן הבנין'
מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו
347.735.9688
מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו
347.997.2348

גרשון קרעמער




# גינסטיגער אורטייל איבער מוסדות התורה ווערט אויפגענומען מיט פרייד

פרייליכע נייעס איז אריינגעקומען פאריגע וואך אז די סטעיט געריכט האט ארויסגעגעבן אן אורטייל אין שטיצע פון עטליכע מוסדות התורה וואס די עדיוקעשאן דעפארטמענט האט געוואלט פארשפארן וויבאלד זיי זענען נישט אנערקענט אלץ שולעס צוליב וואס זיי קומען נישט נאך די רעגולאציעס. און יעצט האט דער געריכט קלארגעשטעלט אז די עדיוקעשאן דעפארטמענט איז נישט גערעכט, און די מוסדות ווערן נאך אלץ באטראכט אלץ לעגאל, און די שטאט דארף זיי ווייטער צושטעלן די הילף וואס זי שטעלט צו פאר אלע שולעס, ווי צום ביישפיל באסעס און עסן.

"וואס וועט זיין מיט די חינוך פון אונזערע קינדער?" הערט מען אידן אין די קופקעס רעדן באזארגט, "די סטייט וויל זיך אריינמישן און איינטיילן וואס מען דארף לערנען מיט זיי", עס איז טאקע אמת אז אויב מען וועט נעמען הוראות פון די גויים וואס צו לערנען מיט אונזערע קינדער איז זייער ביטער, אבער די גזירת החינוך האט זיך נישט אנגעהויבן היינט, און אויך נישט מיט יאפעד'ס קלאגע אין יאר תשע"ב.

די גזירת החינוך האט זיך נאך אנגעהויבן פון פרעה'ס צייטן, פרעה האט געוואלט אויסרייסן דאס אידישע פאלק, דערנאך די עמלקים, די יוונים, די רוימער, די שפאנישע אינקוויציע, די קרייץ ציגלער, די נאציס ימח שמם, און יעצט טראגט עס א שענערע פנים "דעמאקראטיע", די שטאט טאטעס ווילן פשוט "די טובה פון אונזערע קינדער"... זיי רעדן אזוי שיין בפה רך, ממש אומשולדיגע שעפעלעך.

די רעזולטאט פון זיי וועלן זיך אבער ענדיגן ווי די אלע ביז יעצט.

עס איז גארנישט געבליבן פון די עגיפטער, פון די עמלקים, פון די גריכן, די רוימער, די יוונים און אלע אנדערע. מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף וועלן מיר אריבערגיין דעם כוואליע אויך. מיר דארפן טון נאר איין זאך, מתפלל זיין אז מיר זאלן קענען ווייטער ערציען אונזערע קינדער אויפן ערליכן אידישן וועג, און מיר זאלן זוכה זיין צו מרבה זיין כבוד שמים.

עס איז קלאר אז די שונאי הדת וועלן נישט בלייבן זיצן, זיי האבן דעם סמ"ך מ"ם אויף זייער זייט, און וועלן ווייטער פרובירן אויף יעדע וועג נאר מעגליך צו טוישן די וועג וויאזוי מיר לערנען מיט אונזערע קינדער.

עס איז ממש לעכערליך צו טראכטן אז די מוסדות התורה דארפן נאכמאכן די פאבליק שולעס, ווייל מען לערנט נישט גוט ביי אונז, בשעת עס איז נארוואס ארויסגעקומען א באריכט אז די סיטי געבט אויס איבער פערציג טויזענט דאלער (נישט קיין טעות הדפוס) פער קינד אין די פאבליק שולעס אויפן קומענדיגן יאר, דאס קומט אויס איבער דריי טויזענט דאלער א חודש.

און וואס זענען די פירות?

אנשטאט רעדן לאמיר זען די סעקיוריטי וואס די סיטי נוצט. יעדעס קינד דארף דורכגיין א מעטאל דעטעקטאר, אפשר האט ער א מעסער, א רעוואלווער; טויזנטער וועכטער גייען ארום; מען גייט כסדר ארום און מען אונטערזוכט די זעקלעך פאר אריינגעשמאגעלטע וואפן.

מער ווערטער זענען געוויס איבעריג.

**אנו רצים לחיי העולם הבא, והם רצים לבאר שחת**

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# אשריכם מחזיקי תורה

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

## מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו
שותף הכולל חודש אלול

## מו"ה **משה איינהארן** הי"ו
## מו"ה **משה ישראל האממער** הי"ו
פרנס חודש אלול

און די חשוב'ע נדבנים פון די איבריגע חדשים

**שותף הכולל חודש סיון:** מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**שותף הכולל חודש תמוז:** מו"ה **לייבי ליבערמאן** הי"ו
**שותף הכולל חודש אב:** מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו

**פרנס חודש תשרי:** מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו, מו"ה **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש טבת:** מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו, מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו
**פרנס חודש שבט:** מו"ה **הערשי זאבעל** הי"ו, מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**פרנס חודש אדר:** מו"ה **הלל ווייס** הי"ו, מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
**פרנס חודש ניסן:** מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו, מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** מו"ה **משה בראדי** הי"ו, מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו, מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו
**פרנס חודש אב:** מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו, מו"ה **מנחם זאב שטערן** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

הנהלת הכולל

# אידענו

## געפלאנטעט הויז גורל

פרייליכע נייעס קומט אריין אז מען פלאנט מיטן איבערשטנ'ס הילף צו בויען צוויי פרישע הייזער אויף די טווין-ברידזש גאס אנטקעגן די אכט הייזער און די ירושלים גאס. שטעלט זיך אבער די שאלה, ווער גייט זוכה זיין דערין? אסאך ווילן האבן די דין קדימה צו קויפן דארט א הויז. צוליב דעם האט די הנהלה באשלאסן אז מען וועט מאכן א גורל אויף די צוויי הייזער וואס מען פלאנט צו בויען.

כדי צו קענען אריינגיין אין די גורל דארף מען:

1) וואוינען אין שטעטל

2) האבן געצאלט די הקריה געלט.

אויך האלט די הנהלה אינמיטן אדורכגיין וועגן ארויפגיין מיט די פרייז פאר די הקריה געלט, עס איז נאכנישט קלאר מיט וויפיל עס וועט ארויפגיין און ווען עס וועט ארויפגיין, אבער לעת עתה איז עס נאך די פרייז פון פופצן טויזענט דאלער.

די הקריה געלט איז די איינציגסטע הכנסה פאר די קהילה, מיט די געלט ווערט געקויפט די שטחים און בנינים וואס ווערט גענוצט פאר די קהילה און מוסדות, און אזוי אויך צו קענען צושטעלן אלעס וואס א קהילה דארף נאר האבן.

די געלט קען מען איבערגעבן פאר חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו, און מען וועט באקומען א שטר אז מען האט שוין געצאלט די געלט. די גורל וועט פארקומען ברבים אין בית המדרש הגדול, מער דעטאלן וועגן דעם וועלן נאכפאלגן.

## נאך א שארקאט אין שטעטל

אזוי ווי דער ראש ישיבה האלט אין איין דערמאנען די הנהלה אז 'מען דארף האלטן און איין טראכטן וואס נאך קען מען טון צו פארגרינגערן פאר די שטעטל איינוואוינער' האט די הנהלה זיך אריינגעלייגט אין די ארבעט פון זען ווי מען קען אלץ מאכן שארטקאטס, צו פארגרינגערן און פארשנעלערן די צייט פאר מענטשן אן צו קומען פון איין פלאץ צום צווייטן.

אין די טעג האט מען אנגעהויבן די ארבעט פון מאכן נאך א שארטקאט, די שארטקאט ווערט געמאכט פון איסט-מאנגאפ (מער צום סוף - פאר הרב שלמה ראטה'ס הויז) און קומט ארויס אויף האשקי גלייך קעגן איבער דעם בית המדרש.

אפאר וואכן צוריק האט מען שוין אנגעהויבן מיט די פלענער פון וואו די שארטקאט זאל לויפן, און לעצטע וואך האט מען שוין אנגעהויבן די ארבעט פון אוועקנעמען דיביימער, גראד מאכן די וועג, לייגן שטיינער, אז עס זאל זיין א גוטע באקוועמע שארטקאט.

דאס איז שוין חוץ די שארטקאטס וואס מען האט שוין געמאכט פארגאנגענע יאר, פון ירושלים צו מארקס, פון מארקס צו דענמען, פון סענטער איסט-מאנגאפ צו סענטער האשקי, אזוי אויך האט מען די זומער געלייגט לייט אין די אלע שארט-קאטס אז עס זאל זיין שיין לעכטיג צו קענען זענען וואו מען גייט.

מען האפט אז בקרוב וועט מען אי"ה קענען מאכן נאך שארט-קאטס וואס זאל שענעלער מאכן די גיין פון איין פלאץ צום צווייטן.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**

## טויזנט ווערטער





**מען הייבט אן בויען דעם נייעם שארקאט**

## מודעות והודעות

## סקול טעקס

אין די טעג (סעפטעמבער 1) האט די סקול דיסטריקט ארויסגעשיקט אויף פאסט די סקול טעקס בילס פאר אלע וואס האבן א הויז/פראפערטי.

די אלע וואס האבן א מארגעדזש ווערט די טעקס געווענליך באצאלט דורך די באנק, אבער מען דארף זיין זיכער אז די באנק באצאלט עס טאקע כדי צו פארמיידן אימזינסטע עגמת נפש.

אויב מען צאלט נישט די טעקס ביז אקטאבער 1 קומט צו 2% און אויב מען צאלט נישט ביז 1 November קומט צו 3% און אויב מען צאלט נישט ביז נאוועמבער 15 קומט צו 8% דערנאך גייט עס אריבער צו די קאונטי, און עס גייט ארויף אויף די טאון פראפערטי טעקס ביל וואס קומט ארויס אין jan, און אויב מען צאלט נישט קיין טעקס פאר 2 יאר גייט די קאנטי ארויפלייגן די פראפערטי אויף אקשען צו פארקויפן.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו

וזוגתו ראדיא לאה תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

# מעשיות פון תפילה



**יעקב סאמעט**

איך בעט שוין דעם אייבערשטן פאר מער ווי צוויי יאר אז איך זאל פטור ווערן פון די מיליטער פון די מדינה הטמאה.

צוויי מאל האב איך שוין געזען אפענע ניסים אז איך האב געקענט ארויס פארן פון ארץ ישראל, אפילו איך האב געהאט א לויט זייער געזעץ א עיקוב אז איך מעג נישט ארויס פארן פון לאנד. אבער יעצט האב איך געזען ווי עס ווערט נענטער און נענטער צו ראש השנה, אוןביים הייליגן רבי'ן מוז איך זיין!!!

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, אלע עסקנים האבן מיר געזאגט פה אחד אז איך זאל אראפגיין צו זייער אפיס וואס שנעלער ווייל דיין מצב קען ווערן ערגער, מען וועט דיר איינזעצן. זיי האבן מיר געזאגט איך זאל שפילן א שפיל, (וואס ביז היינט האב איך דאס שוין געטון אפאר מאל ביי פיסכיאטערס). אבער פאר מיר איז דאס געווען זייער שווער דאס צו טון, צוליב פארשידענע סיבות.

איך האב געזעען אז איך האב נישט קיין ברירה, בין איך אראפ געגאנגען זונטאג, האבן זיי מיר געזאגט אז עס פעלט מיר אפאר צעטלעך, איך זאל צוריק קומען דינסטאג. דינסטאג האבן זיי מיר נאכאמאל געזאגט אז עס פעלט מיר נאך צוויי צעטלעך.

בין איך געקומען דאנערשטאג נאכאמאל, און איך האב דארט געווארט צוויי שעה. נאך צוויי שעה רופט מען מיר זאגן די פרייליכע בשורה: די האסט א פטור די קענסט אהיים גיין!!!!! וויאזוי קען זיין?......... איך ווייס אויך נישט, א נס פנעם אייבערשטן. 1000 מאל שכח אייבערשטער

**יצחק אייזיק ראזענבוים**

ברוך השם די רענט פרייזן אין קרית יואל האט זיך אביסל סטאבאלאזירט., איך האב געטראכט צו מיר אז איך דארף אויך די ביליגע רענט פרייז, אבער וויאזוי קען דאס צושטאנד קומען, נאכדעם וואס מען האט א קאנטראקט פאר אפאר יאר. אבער תפילה איז העכער און גרעסער פון אלעס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין רענט פרייז זאל אראפגיין. שפעטער האב איך גענומען די שטארקייט און גערופן מיין לענדלארד פרעגן אויב ער וואלט אראפגעגאנגען אביסל די רענט פאר מיר. און ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך האט ער מיר שפעטער צוריקגערופן זאגן אז ער איז מסכים דערצו און ער גייט אראפ די רענט.

שפעטער האב איך אפגעמאכט מיט מיין ווייב אז אין אומאן גייט מען נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן אז די רענט זאל אראפגיין נאכמער. אזוי אינמיטן שמועסן פון בעטן דעם אייבערשטן רופט דער לענדלארד אז ער האט אפגעמאכט אראפצוגיין מיט נאך אביסל. שכח אייבערשטער

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447





## די שיינע הערבסטביימער

### שאלה

**עס ווערט יעצט סוף זומער, איך שפאציר מיך אין גאס אביסל רעדן צום אייבערשטן, און אזוי בשעת'ן שפאצירן באמערק איך אז די בלעטער האבן געטוישט קאלירן.**

**איך וואלט געוואלט פארשטיין וואס מאכט אז די בלעטער זאלן זיך טוישן די קאלירן אום הערבסט, און וויאזוי געשעט דאס?**

**יואל ז.**

### ענטפער

במשך דעם גאנצן זומער, זענען די בלעטער שיין גרין פון די "קלאָראָפיל" מאלעקיולן.

די גרינע טייל פון די בלעטער זענען ווי נאטורליכע "סאלער פאנעלן" וואס נעמען ענערגיע פון די זון, און מאכן פארוואנדלען די קארבאן דיאקסייד פון די לופט מיט די וואסער פאר "עסן" פאר די ביימער, און ווען עס קומט חודש אלול, און די נעכט ווערן קילער, הייבן זיך די ביימער אן צו צוגרייטן צום ווינטער, מען הייבט אן "פארמאכן" דעם בוים, עס זאל קענען איבערלעבן אין די קאלטע פארפרוירענע טעג.

די גרינע קלאראפיל מאלעקיולן הייבן אן צו צופאלן, און די אנדערע חלקים פונעם בלעטל הייבן זיך אן ארויסצווזען, און מען הייבט אן צו זען די געלע, אראנדזשע, רויטע און פורפל טיילן פונעם בלעטל.

די ביימער זענען זייער שיין אום זומער ווען די זון שיינט, עס גייט זיי גוט, אבער כדי ארויסצוברענגען די שענסטע קאלירן פון א בוים - כי האדם עץ השדה, דארף עס אריבערגיין טשאלעדזשעס, דער אויבערשטער שיקט ווייניגער שטראלן, עס ווערט קעלטער, און דווקא דאן קומט ארויס די שענסטע קאלירן פון א בוים.

מיר זענען אויך אזוי, אידישע קינדער זענען זייער שיין, אבער אסאך מאל וויל דער אויבערשטער ארויסברענגען פון אונז די באהאלטענע הערליכע קאלירן, וואס מיר ווייסן אפילו נישט אז מיר פארמאגן, מען כאפט אביסל פעטש, עס גייט איבער וואס עס גייט איבער, אבער מיר שטארקן זיך, מיר לויפן צוריק צום אויבערשטן, מיר הייבן אויף אונזערע אויגן צו אים "באשעפער העלף מיר", די נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט דערפון איז אין לשער.

די הערבסט חדשים איז זייער שיין אין די גאנצע וועלט. אבער וואס נישט אלע ווייסן, איז אז די געגענט ווי מיר וואוינען, די הדסאן וואלי אין ניו יארק סטעיט איז באקאנט אין די גאנצע וועלט אלץ איינע פון די שענסטע הערבסט וויוס, און אסאך טוריסטן פון גאר ווייט קומען צו פארן צו קענען זען די שיינע סצענעס וואס מיר נעמען אפשר אלץ גרענטעט.

וואס מאכט אונזער געגענט אזוי ספעציעל איז עטליכע פאקטארן: די אויסוואל פון פילע אנדערע סארטן ביימער וואס געבן א גרעסערע סארט אויסוואל פון קאלירן, ווי געל, אראנדזש, און רויט. די שיינע בערג און טייכן.

האסט אמאל געטראכט צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די הערליכע קאלירטע ביימער?

**מה רבו מעשיך ה'**

# זיך אויסקומען מיט געשוויסטער



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אַ נֵייעֶ מֹחַ, פָּשׁוּט שֵׂכֶל! אִיךְ לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ פָּאלְג זֵיי אוֹיפְ'ן רֶגַע, אַ זַאךְ פוּן וָואס זֵיי שֶׁעפְּן פִּיל נַחַת פוּן מִיר.**

**אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם,**

**אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז יוּנְגֶער פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אִיר נַאטוּר, אִיךְ זוּךְ אַלְץ נִישְׁט צוּ זַיין מִיט אִיר צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז וֶועמֶען. אָבֶּער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.**

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען קַבָּלוֹת צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אִיר פָּאלְגְן וָואס זִי בֶּעט מִיר אוּן אִיר עֶנְטְפֶערְן שֵׁיין, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען זִי רֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר. אוּן אַז אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר אִיז עֶס נָאר וַוייל אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף מִיר.**

**אִיךְ וִויל אַן עֵצָה, אִיךְ וִויל וִויסְן צִי אִיךְ וֶועל נָאךְ קֶענֶען אַמָאל זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר שֵׁיין אַזוֹי וִוי צְוֵוייא גוּטֶע פְרֵיינְד.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אַייעֶר יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער. עֶס אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דֶעם גֶעפִיל; מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זֵיי. רוֹב מָאל קוּמְט דֶער גֶעפִיל וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען טְרָאגְט דִי אַחְרַיוּת אוֹיף זֵיי, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵייעֶר רֶעדְן, פוּן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַז אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אִיר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין אַחְרַיוּת וִוי אַזוֹי אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר אַחְרַיוּת וִוי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער אִיר אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִיר וִוי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל, וֶועט עֶס אַייךְ נִישְׁט אַזוֹי נֶערְוֶועז מַאכְן.

וֶוען אִיר מַאכְט קַבָּלוֹת, אִיר ווִילְט זַיין גוּט; דַארְפְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַבָּלוֹת צוּ פָאלְגְן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוּן צוּ טוּן וָואס זִי בֶּעט אַייךְ, פָאלְגְן זָאלְט אִיר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פָאלְגְן דַארְף מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיינֶע פְרַיינְט שֵׁיין, "וְאַל יַעֲלֶה בְּלִבֵּנוּ שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט; עֶס בַּאדֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹיפִיל זַאכְן, עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט מֶער דִי זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן בִּיז אַהֶער. רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי וִוי דָאס כָּשֵׁר מַאכְן פְלֵייש, מֶען זַאלְצְט דִי פְלֵייש אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בְּלוּט, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת פוּן זִיךְ, דוּרְכְדֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר אוּן מֶען וֶוערְט אַ כָּשֵׁר שְׁטִיקְל פְלֵייש, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

*עצתו אמונה תש"פ*

# א ווארט צווייי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלעך

**בערל שניצלער**

## לכבוד דער ראש ישיבה

„פארגאנגענעם דאנערשטאג ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעקומען אין שטעטל אויף א באזוך, האב איך זיך באדאנקט פאר דער ראש ישיבה פאר די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה בכלל, און פאר איין בריוו בפרט, א בריוו וואס האט מיך - אלס מגיד שיעור - זייער באנומען, ווי דער ראש ישיבה שרייבט: "טייערע ... עס קומט חודש אלול, מען דארף מאכן א חשבון הנפש, איך וויל זיך דורכרעדן מיט דיר... מיין ליבער טייערער ברודער, מיין הארציגער חבר, אז דו ביסט א מחנך ביי אונזער מוסד פארלאנג איך פון דיר דו זאלסט ליב האבן דיינע תלמידים, און נאר אזוי וועסטו מצליח זיין... מוהרא"ש ברענגט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו איז געווען א מלמד, ער פלעגט גלעטן די קינדער, זיי קושן און ליב האבן; וואס מיינסטו, ווען האט ער געגלעט? די קינדער וואס זענען געקומען אין צייט, און געשטאנען נעבן אים, און זיך נישט גערירט פון פלאץ, און אלעס געפאלגט? ער האט געקושט די קינדער וואס האבן נישט געלערנט, די קינדער האבן נישט געהערט וואס מען רעדט צו זיין, אזוי האט ער זיי אלע געברענגט צום אייבערשטן..."

דער ראש ישיבה האט מיך געענטפערט: "ווייסט... די לעצטע מאל איך האב געשריבן א בריוו פאר דער וואס האט באקומען די בריוו האסטו זיך אויך באדאנקט דערויף... ווייסט פאר וועם איך האב עס געשריבן?"

ווען מיין ענטפער איז געווען א 'ניין' האט דער ראש ישיבה מיך געהייסן אויפן ארט אנרופן ר' יואל שניצלער - די ארויסגעבער פון די הערליכע בריוון פון דער ראש ישיבה - פרעגן פאר וועם די בריוו איז געשריבן געווארן...

אומר ועושה, און פארנט פונעם ראש ישיבה קלינג איך אים אן אויף ספיקער און איך פרעג אים פאר וועם די דאזיגע בריוו איז געשריבן געווארן...

"פארוואס פרעגסטו?"

"דער ראש ישיבה האט מיך געהייסן דיך פרעגן" האב איך געענטפערט האלב געצווינגענערהייט...

די אויפשאקלענדע ענטפער פון ר' יואל איז געווען: "אויפן בריוו איז געשטאנען 'לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א'..." מיר האט עס געשאקט.

בדרך צחות האט זיך דער מנהל ר' אברהם משה אנגערופן: "יעצט פארשטיי איך פון וואו דער ראש ישיבה האט די כוחות, דער ראש ישיבה באקומט בריוון..."

**(ר' ישראל יוסף שניצלער – אין א שמועס פאר מלמדים)**

## כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם

"עס איז מיר אויסגעקומען בהשגחה פרטיות צו זיין אין חדר ווען דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר די קינדער א מעשה'לעך פאר קינדערלעך, די מעשה פון עצתו אמונה פרשת שופטים, קונטרס 404, א מורא'דיגע שיינע ווארעמע און עמאציאנאלע מעשה פון די צווייטע וועלט מלחמה, דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט זייער הארציג, מיט טרערן אין די אויגן. איך האב אויך געהאט טרערן אין די אויגן, אבער נישט אזוי ווייט פון די מעשה וואס דער ראש ישיבה האט דערציילט, ווי פון די ווארעמקייט און אויפמערקזאמקייט וואס דער ראש ישיבה געבט פאר די תינוקות של בית רבן, זיכער צו מאכן אז יעדע קינד באקומט עטענשאן און יעדער שפירט זיך ווי ער איז עפעס ווערד. אגב, דער ראש ישיבה האט געבעטן דעם שפילער צו ניצן דעם "ארגען" סאונד, און האט צוגעלייגט אז דאס איז מורא'דיגע חיזוק פאר מלמדים און מחנכים, אז ער גלייכט ארגל ווייל מיט דעם איז ער אויפגעוואקסן, אזוי אויך אז מ'לייגט אריין אין די קינדער אמונה, אייבערשטער, און א געשמאק אין אידישקייט, וועט דאס אויך אריינגיין אין זייערעביינער און זיי וועלן דאס אויך געדענקען אויף די עלטער...."

**(ר' יואל שניצלער)**

דער ראש ישיבה האט געזאגט

## כוונות קשר"ק

"א פרוי מיט פיצלעך קינדער קען בלייבן אינדערהיים ראש השנה, די תקיעות ראש השנה פאר די אידישע שטוב איז אינדערהיים מיט די קינדער. ווילסט הערן א תקיעה? יעדעס מאל דאס קינד בלאזט אויף די מאמע האסטו א תקיעה... א שברים? א אידישע מאמע איז דאך אזוי צובראכן, אן עכטע שברים... א תרועה האסטו יעדעס מאל נאך עסן ווען מ'קלאפט אויף די בעבי'ס רוקן א תרועה..."

**(שיעור פאר די אידישע שטוב פ' כי תצא)**

# געדאנקען

## א רענצל וועש
## מיט א זעקל האניג קיכעלעך

וען עס קומט צו רעדן פון אומאן און פון די זאך צו די ווייב וויל יא אדער נישט איך זאל פארן, איז דא דערין צוויי באזונדערע מציאות'ער.

לאמיר עס אנרופן ראובן און שמעון.

ראובן איז א לץ, א וואגאבונד, ער לאכט אויס זיין ווייב אין פנים אריין, ער טוט וואס ער וויל, לויפט טאג און נאכט צו לעדערנע סאלאמי וואכנאכטס און פארגליווערטע גאלע קדישים און טשילט מיט חברים (אויף "קברי צדיקים") אין די קאסינאו'ס און אין די ווארימע ערטער. ווען מען רעדט פון אומאן וואו א צדיק האט צוגעזאגט א תיקון, הייבט ער אן שפילן געטרייער מאן. א לץ וואס לאכט נישט נאר פון זיין ווייב, נאר אויך פון שכר ועונש, עס געבט אים נישט א קיצל אז א צדיק האט צוגעזאגט איך געב דיר א תיקון אויף אלעס וואס דו האסט געזען און אלעס וואס דו האסט געטען.

פון ראובן איז דאך סתם נישט דא וואס צו רעדן, א שאד די צייט.

שמעון איז א אנדערע זאך, שמעון פרובירט צו גיין מיט די וועג פון שלום בית, פרובירט צו רעדן אין שטוב מיט דרך ארץ און איידלקייט, נאכאלץ זאגט אים זיין ווייב אז זי פארשטייט נישט די גאנצע זאך פון אומאן און פרובירט אים מונע זיין.

קומט שמעון מיט א שאלה, אמער עס הייסט דאך אז אויב מען רעדט שיין האט מען נישט קיין מניעות פון די ווייב אויף אומאן? איז, וואס קען איך טון בעסער צו קענען פארן צום רבי'ן? איך פרוביר אזוי שטארק זיך נישט אויפצורעגן אין שטוב? וואס נאך קען איך טון?

אוודאי יעדער איינער איז אנדערש בפרטיות, יעדע שטוב איז א אנדערע מצב, אבער בכלליות איז דא נאך און נאך נקודות וואס קען אמאל זיין שווער צו כאפן.

יעדער ווייסט די יסודות פון היכל הקודש. זאגן משניות, רעדן צום אייבערשטן, אכטונג געבן אויף שלום בית.

אבער יעדע איינס פון די דריי האט צו זיך עטליכע נקודות וואס איז וויכטיג, און אן דעם קען מען אלעס פארלירן.

למשל, ביים זאגן משניות, מוז מען וויסן אז אין א ליאדע מינוט קומט צו דיר א איד וואס האט דעם אויסזען ווי עפעס א דערהויבענער, עפעס א באַחן'דלטער, מיט א איידעלע מינע אויפ'ן פנים, און וועט דיר זאגן אז "מען האט נישט געהאלטן" פון זאגן משניות, אויב דו ווייסט נישט פון פאראויס אז די דערהויבענע באַחן'דלטע גייען ארום קראכן וויצן קעגן זאגן משניות, קענסטו נאך אריינפאלן אין די דערהויבענע באַחן'דלטע פאסטקע, ביסט נאך עלול צו פארמאכן די משניות אויף אייביג און נאכגיין די CULT פון די יעניגע וואס עפענען נישט קיין אידיש ספר נאר ווייסן יעדן טאג נאך וועמען מען עסט היינט דעלקעלעך מיט מאטיאש.

און למשל ביי די זאך פון תפלה, מוז מען וויסן אז אויב דיין תפלה ווערט נישט געענטפערט פאר חדשים און יארן, מיינט נישט אז תפלה ארבעט נישט חלילה, יעדע תפלה ארבעט, יעדע תפלה מאכט דיין לעבן בעסער פאר דיר און פאר אלע דיינע דורות, אויב א מענטש האט נישט די אינפארמאציע, קען ער חלילה ווערן צובראכן און אויפהערן צו רעדן צום אייבערשטן.

יעצט וועלן מיר גיין צו שלום בית, אמת אז דו שרייסט נישט, דו קריגסט דיך נישט, דו האלטסט איר נישט צוריק פון גיין צו איר מאמע, צו אירע שוועסטערס, פיין און וואויל.

דו פרעגסט, וואס קען איך טון מער פון דעם?

לאמיר מאכן א משל פון משה'לע מיט חנה'לע.

דינסטאג נאכט האט משה'לעס ווייב געקוויטשקעט ביז'ן דאך, אונז האמיר נישט קיין געלט! אונז האמיר גארנישט! די סינק ליעק'ט! די טיר שריעק'ט! די SUPPER איז פארברענט! די בעיבי האט זיך צוקלעמט! די טייג איז איבערגעיוירן! פארוואס בין איך געבוירן??!!!

מיטוואך נאכט, צו משה'לעס בורטדעי, האט זי געמאכט א נאכטמאל צו געדענקען! איבערגעצויגענע פלייש אויף טשיינע טעלערס, מיט היימיש געשניטענע סוויט פעטעיטע פריי'ס און

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

געפרעיגלטע קאלי-בלומען (אידיש פאר קאליפלאוער) מיט צימרינג באשפריצטע געבאקענע עפל, זי לייגט עס אראפ מיט א שמייכל און קווועלט צו זען ווי משה'לע DIVE'ט אריין אין טעלער'ל ראשו ורובו. ער הערט נישט און זעט נישט דעם גאנצן ארום, ער איז זייער פארנומען ליידיג צו מאכן ס'טעלער.

יעצט, לגבי די דינסטאג קוויטשקערייען און די מיטוואך נאכטמאל, איז דא צוויי סארט מענער, איינער קוקט אויף זיין ווייב דינסטאג און זאגט ער האט באקומען א שוואכע ווייב, ער הייבט אן צו האבן אין הארצן קעגן איר, ווען זי מאכט א שיינע נאכטמאל מיטוואך קוקט ער עס אן ווי א NUISANCE, ווי א נערוונקריכעריי, אזוי ווי א נודניק ברענגט אים עפעס, אזוי ווי למשל א האומלעס מיט א שרעקליכן געררוך וואלט דיר געגעבן א הונדערטער, דו נעמסט דעם הונדערטער, אבער דו ווארטסט דער האמלעס זאל זיך אפטראגן, אזוי טוט דער חתן דינן, ער עסט דעם נאכטמאל ווי א טאטעלע, אבער קוקט אויף זיין ווייב מיט א בייז אויג.

א צווייטער, וואס האט אביסל שכל, מאכט דעם חשבון פונקט פארקערט, די ווייב פון מיטוואך, מיט די יאמממי נאכטמאל, דאס איז די עכטע ווייב, דאס האט מיר דער גוטער באשעפער געגעבן, ער פארגינט איר א שמייכל פאר די עבודה פון אהער שטעלן א קעניגליכע נאכטמאל, איי דאס וואס זי שרייט דינסטאג? דאס איז נישט די עכטע ווייב, דאס איז נאר אויפ'ן קליינעם מאמענט.

אט די קליינע פרט אין שלום בית איז א זאך וואס אסאך קענען זיך נאך פארבעסערן אין דעם.

די ווייב וואס זאגט "איך האב געהערט אז אומאן איז א פלאץ פון נישט נארמאלע מענטשן", נישט דאס איז דיין עכטע ווייב, דיין עכטע ווייב איז די ווייב וואס האט צאמגעפארט בתמימות ובפשיטות מיט די גאנצע הארץ דיין רעכטע זאקן מיט דיין לינקע זאקן אז דו זאלסט האבן וואס אנצוטון.

די ווייב וואס זאגט "איך האב געהערט אז אין ברסלב קען מען טון וואס מען וויל (חלילה חס ושלום)" נישט דאס איז דיין עכטע ווייב, דיין עכטע ווייב איז די ווייב וואס איז געשטאנען ביים טאפ, ווי א געטרייע אידישע טאכטער און דיר צוגעגרייט זאלסט האבן וואס צו עסן.

מיין נישט אז די פרוי וואס זיצט מיט איר מאן מיטוואך אין סטעיקהאוז האט נישט נעכטן געקוויטשקעט אז אונז האמיר נישט קיין געלט, אונז האמיר גארנישט, יעדער קוויטשקעט אמאל, געב א טשענס פאר דיין ווייב וואס איז דיר געטריי מיט הארץ און נשמה. קוק אויף די כלליות פון די מענטש, נישט אויף די קורצע נסיונות'דיגע מינוט'ן.

דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל פאר די מלמדים, מיין נישט אז דאס קינד איז געקומען היינט אין חדר מלחמה האלטן מיט דיר, מאך נישט יעדן קינד פאר דיין שונא נומער איינס, שטעמפל אים נישט אפ ווי א אונטערגרובער, ער איז פשוט "אונטער די מצב" עפעס דרוקט אים אין לעבן ACT ער אביסל אינטרעסאנט, אז דו ווערסט נישט בלייבןSTUCK מיט דעם, וועט עס אריבערגיין.

די זעלבע זאך מיט די ווייב, מאך איר נישט פאר שונא נומער איינס, קלאפ דיך נישט אין רוקן יעדע רגע אז דו ביסט א STAR פאר ארויסטראגן די גארביטש, אז דו ביסט א HERO פאר נישט צוריק שרייען ווען זי קוויטשקעט אז אונז האמיר נישט קיין געלט, בארואיגט אייך, זיי מיר נישט אזא היראו, הייב אן קוקן אויף דיין ווייב מיט אביסל הארץ און רחמנות, הייב אן קוקן אז זי טוט אזוי סאך פאר דיר.

אמת אז דו שרייסט נישט, אמת דו געבסט איר געלט, אמת דו דרייווסט איר ארום יעדן זונטאג, אבער אז דו טוסט שוין יא די אלע זאכן, לייג שוין צו דאס ביסעלע הארץ. פארגין שוין א שמייכל. לאז אביסל אויף די פארהארטעוועטע קנייטשן אויף דיין זויערע פנים. נעם שוין אראפ פון געזוכט די ערנסטע מינע כאלו דו האלטסט יעצט אינמיטן פארהאנדלען צווישן זעלענסקי און פוטין, כאלו דיין ווייב נעמט אוועק דיין טייערע צייט פון פארמיידן א דריטע וועלט מלחמה. בארואיגט אייך, לאז די וועלט קראכן, נאר דיין שטוב זאל נישט קראכן. מאך נישט דיין ווייב פילן אזוי ווי זי איז דיר א בעל חוב פאר זיבעציג יאר פאר'ן איר ארומדרייוון איין זונטאג.

ארומדרייוון די ווייב זונטאג אן א שמייכל איז ווי פוטער אן ברויט, קעטשאפ אן פרענטש פריי'ס, ספייסי מעיאו אן סושי, טחינה אן פאלאפל, א CONE אן אייסקרים, פאסט עס פאר דיר?

א פרוי וואס איר מאן קוקט אויף איר מיט הארץ, פאקט איין א רענצל וועש פאר'ן מאן און געבט נאך צו היימיש געבאקענע האניג קיכעלעך מיט א צעטעלע דו ביסט די בעסטע מאן אין די וועלט.

> ארומדרייוון די ווייב זונטאג אן א שמייכל איז ווי פוטער אן ברויט, קעטשאפ אן פרענטש פריי'ס, ספייסי מעיאו אן סושי, טחינה אן פאלאפל, א CONE אן אייסקרים.
>
> פאסט עס פאר דיר?



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## שְׁטֵיי וַוייט פוּן לֵיצִים

אַסאךְ יָארְן הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה מְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, וָואס דָארְט הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁטַארְק אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אִין דִי בָּחוּרִים דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי לִימּוּד פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַזְש עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג עֶנְדִיגְן אַ גַאנְצֶע סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט כְּסֵדֶר מְזָרֵז זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען דַארְף אַסאךְ עוֹסֵק זַיין אִין מִשְׁנַיוֹת, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת זָאל זַיין אַ חָק קָבוּעַ יֶעדְן טָאג בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלַל, אוּן וֶוער עֶס קֶען זָאגְן מֶער וִוי חַ"י פְּרָקִים אִיז נָאךְ חָשׁוּבְ'ער, אוּן אַז מֶען קֶען עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג אַ סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת דָאס אִיז שׁוֹין גָאר גָאר גְרוֹיס וָואס מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט.

אֵיין טָאג קוּמְט אַרַיין אַ בָּחוּר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש, יֶענֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אַסאךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר זֶעט ווָאוּ אַ שֵׁיינֶע צָאל בָּחוּרִים זִיצְן אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן קִנְאָה עֶר הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ זֶען אַז אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ בָּחוּרִים מִיט גַאנְצֶעטֶע חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת זָאגֶענְדִיג: "ווָאוּ שְׁטֵייט אַז מֶען דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים? דָאס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער צוּ טוּן, נָאר פַאר אַפָּאר יְחִידִים". אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט נַארִישֶׁע וֶוערְטֶער פוּן זַיין מוֹיל, אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר גֵייט נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן בִּיז עֶר קֶען אַלֶעמֶען אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ פַארְמַאכְן דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן זֵיי קַאלְט מַאכְן אִין זֵייעֶר חֵשֶׁק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִינְמִיטְן הָאט דָאס מוֹהֲרָא"ש בַּאמֶערְקְט, הָאט מוֹהֲרָא"ש אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מוּסָר: "עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס נִישְׁט גֶענוּג זֵיי אַלֵיינְס לֶערְנֶען נִישְׁט, ווִילְן זֵיי קַאלְט מַאכְן אַנְדֶערֶע פוּן לֶערְנֶען, דוּ בִּיסְט דָאךְ מוֹדֶה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין שֶׂיַּחַת הָרַ"ן (סִימָן קפה) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בַּאפוֹילְן פַאר אַפָּאר מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן בִּיסְט אוֹיךְ מוֹדֶה אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט בַּאקוּמֶען דִי הַנְהָגָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אִיז פַארְוָואס זָאלְן מִיר נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג? זָאלְן מִיר עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן, לֵיצָנִים וָואס זֵייעֶר טָאג גֵייט זֵיי אַרִיבֶּער מִיט שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן?"

דֶערְנָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעפְרֶעגְט אַפָּאר אִידְן דָארְט מִיט אַ תְּמִימוּת "אִיר ווִילְט אוֹיךְ זַיין פוּן דִי אִידְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג?" אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט "אַוַודַאי יָא", הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בָּחוּר "זֶעסְטוּ, אַלֶע ווִילְן דָא זַיין פוּן דִי אִידְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זֵיי סְתַּם צוּדְרֵייט מַאכְן אוּן צוּמִישְׁן זֵייעֶר קָאפּ, אוּן זֵיי סְתַּם צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ זָאלְסְט גוּט ווִיסְן, דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס נִישְׁט גֶענוּג דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט פַארְגִינֶען צוּ זֶען וִוי אַ צְוֵוייטֶע לֶערְנְט אוּן דוּ ווִילְסְט זֵיי אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה".

דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען אַזַא טִיפֵּשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מוֹדֶה זַיין צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶע'טַעֲנָה'ט מִיט מוֹהֲרָא"ש, הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים "דוּ בְּלַייבְּסְט נָאךְ אַלְץ מִיט דַיין טִפְּשׁוּת. אִין דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען צוּ עֶס אִיז יָא צוּ נִישְׁט, וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן אַ גֶעוַואלְד פוּן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן יֶעצְט אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דַיין טָאג, גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט נָאר אַ גַאנְצֶע טָאג פְּרוּבִּירְט צוּ צוּרִיקְהַאלְטְן אִידְן פוּן לֶערְנֶען". דֶעמָאלְט הָאט שׁוֹין דֶער בָּחוּר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזוּכְט צוּרִיקְצוּהַאלְטְן אִידְן פוּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ זֵיי נָאר גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין". הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְפֶערְט אַוַדַאי הָאסְטוּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן אָפֶענֶערְהֵייט ווַייל וֶוען דוּ קוּמְסְט דָא אַרַיין אָפֶענֶערְהֵייט צוּ רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, וָואלְט מֶען דִיר דֶערְלַאנְגְט אַפָּאר גֶעזוּנְטֶע פֶּעטְשׁ אוּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז קוּמְסְטוּ מִיט חָכְמוֹת: ווָאוּ זָאגְט עֶס דֶער רֶבִּי? ווָאוּ שְׁטֵייט עֶס? אֶפְשָׁר מֵיינְט עֶס עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ? אָבֶּער אַלֶעס וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם אִיז צוּ קַאלְט מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט טוּן, קֶענְסְט קְלָאר זָאגְן 'אִיךְ הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען' אוּן לָאז אָפּ יֶעדְן אֵיינֶעם".

נָאךְ דִי פַּאסִירוּנְג הָאט מוֹהֲרָא"ש זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דִי בָּחוּרִים נִישְׁט צוּ וֶוערְן נִתְפָּעֵל פוּן לֵצִים, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן סֵדֶר הַלִּימּוּד אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען.

(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך משניות)





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



קל"ב

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

פַאר שָׁבוּעוֹת, אִיז הָרַב הַקָדוֹשׁ מִחְמֶעלְנִיק זי"ע אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ בַּאזוּךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּן (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן שכ"ג), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פַאר אִים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, "אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, אוּן אִיר זָאלְט דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער".

ליינט דעם בלעטל פון פאריגע וואך די ערשטע טייל פונעם מעשה, כדי צו פארשטיין די המשך.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּ זֵייעֶר פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט, "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין?", הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן, "מִיר וֶועלְן שִׁיקְן צוּ דֶעם וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוּן הַאלְט אַ שְׁוֶוערְד פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד!", הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "וֶועמֶען וֶועלְן מִיר שִׁיקְן?", אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען יֶענֶעם, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶר שְׁטֵייט פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, מִיט אַ שְׁוֶוערְד אִין דִי הַאנְט פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט אַסַאךְ שַׁארְפְן. דָאס הֵייסְט, אֵיין שַׁארְף הַרְגְ'ט, אַ צְוֵוייטֶע שַׁארְף מַאכְט אָרֶעם, אַן אַנְדֶערֶע שַׁארְף בְּרֶענְגְט שְׁוַואכְקֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ אַסַאךְ שַׁארְפְן פַאר אַסַאךְ סָארְט עוֹנְשִׁים אוּן שְׁטְרָאפְן.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן, "שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס מִיר הָאבְּן יִסוּרִים פוּן דִיר, יֶעצְט הֶעלְף אוּנְז אוּן בְּרֶענְג אוּנְז צוּרִיק צוּ אוּנְזֶער פְּלַאץ!", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן!", הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן, "גֶעבּ אוּנְז דִי שַׁארְף פוּן טוֹיט, אוּן מִיר וֶועלְן זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען!" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט. זֵיי הָאבְּן וִוידֶער גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען זֵיי גֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע שַׁארְף, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין שׁוּם שַׁארְף, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בַּאפֶעל צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן מֶען הָאט זֵיי אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם קָאפּ. אוּן גְלַייךְ הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֵיינֶער לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְמִיטְן מִיט רִינְגֶען אַרוּם אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מֶען לוֹיפְט וִוידֶער צוּ דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, אָבֶּער בַּיים צְוֵוייטְן מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי מִינִיסְטָארְן הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַז דִי מִינִיסְטָארְן הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶענוּמֶען דִי זְכוּתִים אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דֶערְמִיט צוּ דִי לִיכְט, אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים פַארְ'ן לִיכְט.

דַאן זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן פוּנְקֶען פוּנֶעם לִיכְט אִין זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן בְּתַחֲנוּנִים, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן פוּנֶעם לִיכְט אַ טַייךְ אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, עֶס אִיז וַוייטֶער גֶעוָוארְן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי יֶעצְטִיגֶע וֶועלְן יָא בְּלַייבְּן לֶעבְּן. דִי עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט אוּן נִישְׁט גֶעבֶּעטְן מִיט רַחֲמִים אוּן תַּחֲנוּנִים אַזוֹי וִוי דִי יֶעצְטִיגֶע.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה דַארְף צוּ מֵיינֶען, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט, "גֵיי אַרַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ, אוּן מֶען וֶועט דִיר זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה". אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען דָארְט זִיצְן אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר זָאגְן פְּשַׁט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט דִי בָּארְד אוּן מִיר גֶעזָאגְט, "מַיין בָּארְד אִיז אַ פְּשַׁט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה", אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז לַאנְג אוּן בְּרֵייט אָן קַיין גְרֶענִיץ, אוּן עֶס אִיז פוּל מִיט כְּתָבִים אוּן שְׁרִיפְטְן, אוּן וואוּ אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעעֶפֶנְט דִי כְּתָבִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה.

דָאס אַלֶעס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס זַיין מְחוּתָּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, וַוייל דֶער מְחוּתָּן הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ גֵיין אִין וֶועג, מֶען הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת, "אוֹיבּ עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט דֶערְצֵיילְן אַזַא מַעֲשֶׂה, וִויפִיל הֲכָנוֹת וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט מַאכְן קוֹדֶם?"

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## שבת ביים דיין שליט"א

**ש**לום עליכם חשובער דיין שליט"א!

"דער דיין האט זיך געהיטן די אויגן אויפן וועג?"

"יא!"

"יא?! אזא גראדע יא? ווי אזוי איז עס מעגליך אין די הייסע ברענעדיגע היצן אין די גרויסע קענעדי לופטפעלד זיך צו קענען היטן די אויגן?"

***

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע שיינע שבת פרשת כי תצא אין בארא פארק בראשות דעם דיין שליט"א.

ס'איז געווען די ערשטע שבת נאכן קאנטרי, יעדער איז שוין צוריק אין שטאט, איך בין אריינגעפארן זיין שבת מיין טאטע זאל זיין געזונט.

מיר האבן געהאט די זכיה צו האבן מיט אונז דעם דיין שליט"א, און דורכאויס דעם שבת האבן מיר טאקע געהערט הערליכע שיינע דיבורים און התחזקות אויף לעובדא ולמעשה. מיטן אייבערשטנ'ס וועלן מיר אייך דא אראפברענגען עטליכע נקודות וואס מיר געדענקען פונעם שיינעם שבת.

דער דיין שליט"א האט פארציילט אז פאריגע וואך האט ער געדארפט פארן קיין לאנדאן צו אן אויגן דאקטער.

אויפן וועג אהיים איז א ייד אים געקומען אויפנעמען פון קענעדי עירפארט, און ער פרעגט דעם דיין ווי אזוי האט זיך דער דיין געקענט היטן די אויגן אין דעם ברענדיגן קענעדי לופטפעלד אנגעפילט מיט שמוץ פון טיר צו טיר... ווי אזוי איז עס מעגליך??

"ווי אזוי איז עס מעגליך? דורך תפלה!"

"פון ווען איך האב באשטעלט דעם טיקעט" פארציילט דער דיין "האב איך יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל מיך קענען היטן מיינע אויגן אויף די וועגן, און אז די וועג זאל אריבערגיין בשלום, איך זאל נישט פארלירן קיין רענצל אדער שפעטיגן די פליגער, אלעס זאל זיך פירן גלייך ..."

נאר אזוי קען מען טאקע זיך היטן די אויגן, און דער אייבערשטער העלפט אז מ'האט א גוטע נסיעה, נאכדעם מ'פארלירט נישט, מ'שפעטיגט נישט, אלעס פארט א מחיה!

דער דיין האט זייער מעורר געווען אז אזוי ווי מיר גרייטן זיך יעצט אויף די נסיעה צום הייליגן רבי'ן מוז מען שוין זען יעדן טאג צו מאכן תפילות אז מ'זאל פארן בשלום, זיין אפגעהיטן אויף די וועגן, די רענצלעך זאלן אלע אנקומען בשלום, און אז מ'זאל זיין געזונט, מ'זאל נישט דארפן חלילה האבן א צושטערטן ראש השנה.

וואס דארף פאסירן וועט במילא פאסירן, אבער תפילה דאס קענסטו מאכן! אז ס'איז דיר באשערט צו ליגן אין בעט ראש השנה קענסטו עסן א גאנצע באקס לעמאן, און ס'וועט דיר נישט העלפן, אבער תפילה דאס קענסטו יא טון, דאס העלפט יא.

דער דיין האט אויסגעשמועסט דאס וואס דער הייליגער חתם סופר זי"ע פרעגט א שטארקע קשיא און בלייבט ביים קשיא, אבער דער דיין האט געזאגט אז ער האט יא געטראכט פון א תירוץ צו פארענטפערן דעם חתם סופר'ס קשיא.

דער חתם סופר פרעגט וואס איז פשט אז מ'זעט אז ביי סיי וועלכע גשמיות'דיגע זאך א מענטש בעט דעם אייבערשטן וועט דער אייבערשטער אים העלפן, מ'בעט דעם אייבערשטן פאר א שידוך און דער אייבערשטער העלפט, איינער בעט פרנסה און דער אייבערשטער העלפט, יעדער מיט זיינע זאכן...

אבער ביי רוחניות ווען א מענטש בעט אויף יראת שמים אויף דביקות בשם, קען מען זען אז דער מענטש בעט און בעט און גארנישט רוקט זיך נישט...

דער חתם סופר בלייבט ביי די קשיא, אבער דער דיין האט עס זייער שיין פארענטפערט, אז דאס אליינס אז דער מענטש האלט אין איין צוריקלויפן צום אייבערשטן בעטן 'איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל טראכטן נאר פונעם אייבערשטן, איך וויל אייביג געדענקען אז אלעס איז אייבערשטער' איז ער דאך שוין א געהאלפענער!

דו רעדסט יעצט צום אייבערשטן, דו זאגסט פארן אייבערשטן 'חטאתי', איים סארי אייבערשטער, באשעפער וואס וועט זיין דא מיט מיר ווען וועל איך שוין געדענקען פון דיר?'

## דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייבבליק

**ישראל דוד העסקעל**



דו רעדסט צום אייבערשטן ביסטו שוין א געהאלפענער!

און דאס איז די גאנצע ברסלב'ער חסידות! רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, זיך מתבודד זיין, זיך אויסשמועסן מיט אייבערשטן, נאר דאס איז ברסלב!

דער דיין האט פארציילט אז יעצט ארבעט מען זייער שווער אוועקצושטעלן א אייגענע שחיטה פאר אנשי שלומינו וואס ווילן מדקדק זיין אין כשרות, וואס ווילן עסן פלייש פון א שוחט וואס איז זיך מתבודד און גייט אין מקוה - אבער נישט דאס איז די עיקר פון ברסלב'ער חסידות...

קענסט רואיגערהייט עסן פלייש פון א אנדערע ערליכע שחיטה און דו ווערסט נאכנישט אויס ברסלב'ע חסיד, אבער אויב וועסטו עסן ברסלב'ע פלייש און זיך נישט מתבודד זיין איז א שאלה אויב היינט ביסטו א ברסלב'ער חסיד...

דער עיקר ביים רבי'ן איז רעדן צום אייבערשטן!

***

ביי שלש סעודות האט דער דיין שליט"א גערעדט פון די וואכעדיגע סדרה פרשת כי תצא, וואס רעדט זיך אז אויב גייט מען אין מלחמה און מ'טרעפט אן א יפת תאר, אלע הלכות ווי אזוי מ'דארף זיך פירן. און נאכדעם ווען זי ענדיגט טרויערן נאך איר משפחה באצווינגט מען איר מיט אידישקייט, זי ווערט א איד, און זי מוז ארויפנעמען אויף זיך די עול תורה.

נאכדעם גייט די פסוק אריבער צו פרשת בן סורר ומורה אויב וועט מען זען ביי א קינד אז ער פירט זיך נישט ערליך ער גנב'עט און פרעסט אזוי ווייטער אלע הלכות וכו' דארף מען אים פארשטיינערן.

לכאורה למה נסמכה פרשת יפת תאר לפרשת בן סורר ומורה? נאר ס'איז גאר איין זאך!

שטעלט אייך פאר א גוי'איש מיידל ווערט געוואר פון די תורה, פונעם באשעפער, פון די מצות, און זי זאגט "איך וויל זיין א חלק אינעם עם הנבחר!" א מחיה, די שענסטע זאך מ'מאכט א גירות פראצעדור. קודם שטיפט מען אוועק

און דערנאך אויב מ'זעט אז זי מיינט עס ערנסט, ווערט זי א גיורת, א חלק פון כלל ישראל, א מחיה!

וואס איז אבער ביי דעם געפאנגענעם יפת תאר? זי איז נישט אינטערעסירט אין קיין תורה אין קיין מצות, זי וויל נישט די גאנצע זאך, נאר מ'באצווינגט איר, דו מוזט אננעמען די תורה.

נו שטעלט אייך שוין פאר, פארן זמן ערב שבת דארף מען גיין צינדן ליכט, די קרעכצן וואס די פרוי מאכט נעבעך... אוי אוי שוין ווייטער שבת, א בראך, נאך מצוה וואס איך מוז טון... און אזוי ביי יעדע מצוה ס'קומט צו מאכן א ברכה, אררך כ'האנישט קיין נערוון, מ'לייגט מיר דא ארויף אזוי פיל זאכן אויפן קאפ, איך האב נישט קיין כח צו דעם...

ליוו מי עלאן - לאמיך לעבן... איך האב נישט קיין נערוון אוי אוי שוין ווייטער... און יעצט קומט א יו"ט יוש יוש וואס וועט זיין דא איך האב נישט קיין כח צו דעם...

איז אונז די תורה גראד מגלה ווי אזוי די קינדער וואס הערן אזא ליד טאג און נאכן אידישקייט איז שווער... ווי אזוי גייען זיי אויסקוקן - ער גייט זאגן לאמיך אפ מיט די אלע זאכן און ער גייט ארויסגיין לתרבות רע און ווערן א בן סורר ומורה!

דארפן מיר טון פארקערט! זיך פרייען מיט יעדע מצוה, טאנצן און פאטשן פאר יעדע דבר שבקדושה, א מחיה מיר פארן צום הייליגן רבי'ן ראש השנה. נישט "אוי אוי כ'האנישט קיין כח, לאמיך לעבן", אפקרעכצן טאג און נאכט...

פארקערט, פריי דיך, און טאנץ פאר שמחה 'איך פאר צו א צדיק אויף ראש השנה, איך גיי אויסבעטן א גוט יאר, איך גיי זוכה זיין צו אלע תיקונים א מחיה'.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# MINOR (CHILD) TRAVEL CONSENT

**THE PARENT(S).**

I ___________________________, am the parent of

**THE MINOR(S)**

Full Name(s): ____________________________________________________

Date of Birth: ____________________________________________________

**TRAVELING ALONE/ACCOMPANYING PERSON**

(check one)

☐ - I authorize my child to travel alone.

☐ - I authorize my child to travel with the following individual/organization:

● Individual/Organization Name: _____________________________

● Relationship to Child (if applicable): __________________________

**ITINERARY**

I authorize my child to travel to the following location (s)_________________________________

during the period beginning on ________________, and ending on ___________________

**SIGNATURE(S)**

Parent / Legal Guardian Signature: _________________________ Date: ______________

Print Name: ____________________________________________

Parent / Legal Guardian Signature: _________________________ Date: ______________

Print Name: ____________________________________________

**NOTARY ACKNOWLEDGMENT**

A notary public or other officer completing this certificate verifies only the identity of the individual who signed the document to which this certificate is attached.

STATE OF )
 ) ss.:
COUNTY OF )

On the ___ day of _________ in the year_____ before me, the undersigned, a notary public in and for said State, personally appeared ________________________,personally known to me or proved to me on the basis of satisfactory evidence to be the individual(s) whose name(s) is (are) subscribed to the within instrument and acknowledged to me that he/she/they executed the same in his/her/their capacity(ies), and that by his/her/their signatures(s) on the instrument, the individual(s) of the person upon behalf of which the individual(s) acted, executed this instrument.

____________________
Notary Public

אויב פארט איר קיין אומאן מיט א קינד, איז ראטזאם דאס אויסצופילן און מיטנעמען מיט זיך.

פאר די
# ברסלב'ע
שטוב



# פראיעקט ראש השנה תשפ"ו

אן אינהאלטסרייכע שמועס
מיט מרת ש. לעווי תחי'
מנהלת בית פיגא בני ברק

ש. טראכטער

**אויסגעזעקלט**
**אדער אנגעפעקעלט**
ג. פעקעטע

**די ריכטיגע אפטייטש**
**פון "תשובה" פאר א אידישע פרוי**
ש. טראכטער

ש. טראכטער




# תשובה ביי אידישע פרוי

אך געדענק ווען מיינע לערערין'ס האבן אנגעהויבן א שיעור אויף חודש אלול, האבן זיי מער ווייניגער אלע גענוצט די זעלבע משל. זיי האבן אונז מסביר געווען אז יעדע זאך איז ביליג אין זיין סעזאן. עס איז דא א זמן ווען עפל איז זייער ביליג און א צייט ווען מילגרוים איז נישט טייער, און א קלוגע בעל הבית'טע קויפט איין אין יעדע תקופה דאס וואס מען קען שאפן פאר ביליג.

"אין חודש אלול," האבן זיי אלע מסביר געווען, "איז תשובה א גאנגבארע זאך, עס איז זייער גרינג דאס צו קענען קונה זיין. אני לדודי ודודי לי, אלול איז נישט קיין בער, אלול איז א קער!"

תשובה. אין מיין יונגע מח איז דאס געווען א ווייטע און קאמפליצירטע זאך. שפעטער אין לעבן האב איך שוין פרובירט צו לעבן מיט "השגות". איך האב פרובירט צו מאכן א חשבון הנפש. אבער איך האב נאך אלץ נישט באמת געוואוסט, "וואס איז תשובה?" וואס מיינט באמת "עזיבת החטא - אפלאזן די זינד"? איך האב אזוי שטארק געוואלט אנקומען צו קענען "קונה זיין תשובה שלימה", אבער איך האב נישט געהאט די וועג. איין זאך האב איך געוואוסט, אז תשובה איז נישט אזא פשוט'ע זאך.

ביים ראש ישיבה שליט"א האב איך געהערט א נייע דערהער. אין א שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכגעזאגט פון זיין באבע, אז תשובה פאר א פרוי מיינט "זיין צופרידן."

צום ערשט קען זיך דאכטן אז עס קלינגט צו פשוט און א גרינגע עבודה. דאס איז זיכער גרינגער ווי פאסטן און אויסזאגן צוויי מאל א וואך תהלים. אבער אז מען גייט אריין אין די טיפקייט פון דעם דיבור, זעט מען אז עס איז אן עבודה רבה, בכלל נישט אזוי פשוט. צוצוקומען צו די הערליכע מדה פון צופרידנקייט פאדערט זיך אזויפיל אמונה, אזויפיל סבלנות, אזויפיל התבודדות.

זיין צופרידן מיינט: נישט האבן טענות. נישט אויפ'ן אייבערשטן, נישט אויף די מאן, נישט אויף די שכנים, נישט אויף די עלטערן, נישט אויף די קינדער און ניטאמאל אויף זיך אליינס. זיין צופרידן מיינט אריינגעמען אזוי שטארק דעם אייבערשטן אין זיך צו וויסן און גלעדנקען אז פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער וויל, אט אזוי איז גוט.

זיין צופרידן מיינט אויך פארטרייבן די פרומע יצר הרע וואס קומט דיר איינרעדן אז דו מיינסט נאר דעם אייבערשטן. דו מיינסט פשוט רוחניות. דאס וואס עס ברענט דיר אז דיין מאן זאל דאווענען און לערנען איז כלו לה'. דו האסט ריינע אינטערעסן. דו האסט נישט טענות, דו ווילסט פשוט אנדערש... איך מיין... בעסער!

א פרוי האט מיר געזאגט אז זי האט אמאל געהערט פון דעם ראש ישיבה שליט"א, אז אויב תשובה טון, דארף מען תשובה טון אויף דעם וואס מען זארגט פאר דעם מאן'ס רוחניות. דאס איז א פגם. דאס איז נישט יצר טוב. דאס איז א פארשלייערטע יצר הרע מיט א זיידענע בעקעטשע. דאס איז די זעלבע טענות ווי א צווייטער האט פארוואס די מאן קויפט איר נישט א מתנה, נאר מיט א פרומע קלייד.

זיין צופרידן איז אן עבודה, סיי צופרידן ברוחניות און סיי צופרידן בגשמיות. אוודאי דארף מען מתפלל זיין ווען עפעס דרוקט, נאר מען דארף וויסן וויאזוי צו מתפלל זיין. דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אסאך מאל נאך די מעשה אז אין אומאן זענען געווען צוויי כיתות. איינער האט געהאלטן אז מען דארף דאווענען בקול גדול און די צווייטע גרופע האט געוואלט מען זאל דאווענען רואיג, בניחותא. זיי זענען דאך געווען ברסלב'ע חסידים האבן זיי זיך מתבודד געווען. אבער די מחלוקות האט אנגעהאלטן. האט מען אמאל געפרעגט רבי אברהם בן רבי נחמן ז"ע וויאזוי קען זיין אז זיי מאכן דאך התבודדות, פארוואס קריגט מען זיך נאך אלץ? האט ער זיי מסביר געווען, "זיי בעטן דעם אייבערשטן אז "יענער" זאל זיך טוישן, און "יענער" זאל איינזען אז "איך בין גערעכט."

די ריכטיגע אופן פון תפילה איז פארקערט. "באשעפער, העלף "איך" זאל האבן גוטע און ריינע און צופרידענע אויגן און זען און וויסן אז אלעס וואס דו טוסט איז פונקט גוט. איך זאל נישט וועלן קיין טראפ אנדערש וויאזוי דו מאכסט מיר."

אין א שמועס פון איינעם פון די ספעציעלע פרויען פון אנשי שלומינו איז מיר געקומען טרערן אין די אויגן, הערנדיג פון איר גדלות מיט אזא פשטות.

זי דערציילט מיר וויאזוי אין די יונגע יארן, האט זי אזויפיל תפילות פארגאסן אז דאס זאל זיך טוישן און יענץ זאל זיך פארבעסערן. זי האט אזויפיל התבודדות פארברענגט אויף איר (מאן'ס) שלום בית. זי האט אזויפיל געוויינט צום אייבערשטן, באמת פון איר גוט הארץ, אז זאכן זאלן זיך אנהייבן רוקן.

ביז איין טאג האט זי געטראפן א בריוו אין עצתו אמונה, ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט:

עס איז דא א סוד וואס מיט דעם סוד קען א פרוי טוישן דעם מאן פון שלעכט צו גוט, פון נישט ערליך צו ערליך, און פון יעדע פראבלעם; דער סוד איז 'שעצן און געבן די גוטע געפיל', אים מאכן פאר דער ווארטזאגער, א פרוי מיט אביסל חכמה קען אויפהייבן איר מאן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א פרוי מער קלוגשאפט ווי פאר א מאן.

ועל כולם בעטס דעם אייבערשטן, און ווען קיינער זעט נישט - זאלט איר זיך גוט אויסוויינען צום אייבערשטן פאר אן ערליכע שטוב מיט ערליכע דורות.

דאס האט איר געשפאלטן די מח. זי האט אנגעהויבן שעצן און קוקן גוט אויף איר מאן, און אנגעהויבן באמת זיין פריילך מיט די פשוט'ע זאכן. אזוי איז אריבער א טאג און א טאג, א וואך און וואך, ביז די נס איז געשען. איר ווילט אוודאי הערן וויאזוי איר לעבן האט זיך איבערגעדרייט און זי האט באקומען איר גאנצע ליסטע. דאס אויך, אפשר (און זיכער) אבער א גרעסערע נס האט פאסירט. אין אירע ווערטער, "איך האב אנגעהויבן אזוי ליב האבן מיין לעבן. איך האב מער גארנישט געוואלט טוישן. איך האב איינגעזען אז אלעס איז מיר אזוי גוט, אזוי פערפעקט. איך בין געווארן אזוי פרייליך און איך בין זיך דערמיט מחי' יעדן טאג!"

דאס איז דאך די גרעסטע תשובה. אנקומען צו זען אז וואס דער אייבערשטער טוט איז לכתחילה (נישט בדיעבד) גוט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט ביי איינע פון די שיעורים אז אין חב"ד זאגט מען אויף אלול, "מלך בשדה", דער קעניג איז אין פעלד. א גאנץ יאר איז נישט אזוי פשוט צוצוקומען צום קעניג, מען דארף זוכה זיין דערצו, אבער יעצט דרייט זיך דער קעניג צווישן עולם און עס איז זייער גרינג צו פועל'ן. איז יעצט זייער א געאייגנטע צייט צו בעטן ביים באשעפער וואס מיר דארפן.

מיין טאטע פלעגט אונז אסאך נאכזאגן די משל אז א קעניג האט אמאל געמאכט א גרויסע סעודה און געלאדנט אלע מענטשן אז זיי קענען קומען בעטן בקשות. יעדער איז געקומען מיט זיינע צרכים. איינער האט געדארפט א דאקטער פאר זיין ווייב, א צווייטער האט געדארפט געלט צו קויפן א הויז, נאך איינער האט געבעטן א גוטע פאסטן פאר זיין זון. איין בירגער איז אריינגעקומען מיט אן אייגנארטיגע בקשה. ער וויל קענען יעדן טאג זיין ביים קעניג. ער וויל האבן אן אפענע טיר ביים מלך.

דאס בעטן מיר אויך אין די טייערע תפילה פון לדוד ה' אורי. אחת שאלתי מאת ה', איין זאך בעטן מיר פון דיר אייבערשטער, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה', ובקר בהיכלו. איך וויל מיין גאנץ לעבן זיצן ביי דיר. נישט פארגעסן פון דיר, רעדן צו דיר און שפירן א נאנטקייט און א זיסקייט צו דיר.

דאס איז די שענסטע תפילה וואס אין דעם איז כולל אלע תפילות. מיט תפילה קענען מיר זוכה זיין צו תשובה. צו זיין צופרידן מיט מיין לעבן, פונקט ווי עס איז.

איר קענט אוודאי די מעשה פון דער הייליגער רבי ר' זושא אז מען האט

קרן ה...

היכ...

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל

...רב ספרי הפצת ידי על

מיר ווילן אויס...
הכרת הטוב...
הנכבד פאר...

פרנס החו...

מו"ה לוי יצח...
מו"ה אשר לעמ...

דער אייבער...
העלפן אז אין ...
און פארשפ...
הייליגן רבינ'ס...
דיר דער אי...
ערפילן כל מ...

## פרנס השנה

מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו

מו"ה שלמה זלמן גלאנשטיין הי"ו

מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו

מו"ה זלמן לייב מייזעלס הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

## פרנס החודש

| | |
|---|---|
| ניסן | מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו<br>לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם |
| אייר | מו"ה משה האמער הי"ו<br>מו"ה אשר לעווי הי"ו |
| סיון | מו"ה בניהו אונגאר הי"ו<br>מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו |
| תמוז | מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו<br>הרוצה בעילום שמו |
| אב | מו"ה אלי קנאלל הי"ו<br>מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו |
| אלול | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו<br>מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו |

*sruliHeskel

## פרנס השנה

מו"ה
**הרוצה בעילום שמו**
הי"ו

מו"ה
**יקותיאל פעלדמאן**
הי"ו

מו"ה
**מאיר וויזעל**
הי"ו

מו"ה
**דוד טשינגל**
הי"ו

מו"ה
**יואל מארקאוויטש**
הי"ו

## פרנס החודש

| | |
|---|---|
| **תשרי** | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו |
| **טבת** | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו<br>מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו |
| **חשון** | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מין הי"ו |
| **שבט** | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו |
| **כסלו** | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו |
| **אדר** | מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו<br>מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו |

# דפסה
ל הקודש ברסלב
ל ותלמידיו הקדושים בעולם

ינו נביא משיח צדקינו

סדריקן אונזער
פאר ידידינו
ן מנדב זיין

דש אלול

ק זאפיר הי"ו
יל זוסמאן הי"ו

רשטער זאל
סכות פון דרוקן
פרייטן דעם
ם ספרים זאל
יבערשטער
שאלות לבך.

אים געפרעגט וויאזוי מען דאנקט אויף שלעכטס פונקט ווי אויף גוטס, האט דער צדיק נישט פארשטאנען די שאלה. ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט קיין שלעכטס אין זיין לעבן.

ענליך האט דער ראש ישיבה שליט"א לעצטנס פארציילט פון בעלזער רב זי"ע. ווען ער איז אמאל געזיצן שבעה האט אים איינער געזאגט, "המקום ינחם אתכם, מען זאל מער נישט וויסן פון קיין צער." האט זיך דער בעלזער רב צופייערט, "צער?! דער אייבערשטער מאכט נישט קיין צער."

דער חידוש ביים רבי'ן איז אז דער רבי מאכט פון אונז פשוט'ע פארשמירטע מענטשעלעך צו קענען צוקומען צו די הויכע מדריגות פון צדיקים. אויך איך און דו קענען זוכה זיין צוצוקומען צו די גרויסע השגה פון נישט וויסן וואס עס מיינט "שלעכט."

באשרייבנדיג איינע פון די פרויען איבער אומאן, ראש השנה, דערציילט זי מיר איז איין יאר איז נישט געווען קיין געלט אין שטוב פאר ראש השנה. וכו'. וכו'.

איך האב אפגעשריבן איר ארטיקל און איר צוריקגערופן און עס אפגעליינט פאר איר, איידער איך שיק עס אריין, וועלנדיג הערן וואס זי וויל אראפנעמען אדער צולייגן. איך ליין איר פָאר, "נישט אלעמאל האב איך זיך געקענט ערלויבן וכו'... איך געדענק איין יאר ווען די מצב הפרנסה איז געווען זייער שווער."

**"איך האב אנגעהויבן אזוי ליב האבן מיין לעבן. איך האב מער געוואלט טוישן. איך האב איינגעזען אז אלעס איז מיר אזוי גוט, אזוי פערפעקט. איך בין געווארן אזוי פרייליך און איך בין זיך דערמיט מחי' עדן טאג"**

זאגט מיר מיין טייערע חבר'טע מאנשי שלומינו, "שרייב נישט, "זייער שווער". שרייב אפשר אז די שפע איז נישט געווען אזוי ברייט, אדער נישט אזוי גרינג. דער אייבערשטער מאכט נישט שווער."

עס האט מיר זייער געכאפט. דאס איז געווען נאטירליך. נישט געמאכט. דאס איז נישט געווען "עובד'ישע תניעות". דאס איז וואס דער רבי מאכט פון אונז. דאס קענען מיר זוכה זיין מיט תפילה. אנצוקומען צו תשובה, צו זיין צופרידן, ארייינצונעמען אין אונזערע קליינע מוחות אז אלעס איז פונקט גוט, פונקט אזוי האט געדארפט געשען.

מען דערציילט נאך אז אין בית המדרש פון דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע זענען געזעצן אפאר חברים און געשמועסט אז ווואלטן זיי געפירט די וועלט, וואלטן זיי געמאכט אזוי און אזוי, נאר אזויווי דער אייבערשטער פירט די וועלט, ווייסט ער דאך וואס און וויאזוי צו פירן.

ווען דער הייליגער בארדיטשובער רב האט דאס געהערט האט ער אויפגעשפרינגען, "ווען איך וואלט געווען דעם באשעפער, וואלט איך געפירט פונקט אזויווי דער באשעפער!" ווייל אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז פונקט גוט!

איין טאג רעדט איך צו מיין חבר'טע אויפ'ן טעלעפאן און איך הער ווי זי בעט א קינד זאל אריבערגיין צו א שכן און בארגן דריי אייער. עס גייט אריבער אפאר מינוט און דאס קינד קומט צוריק מיט דריי קארטאפל. זי האט נישט פארשטאנען אדער געהערט אדער צוגעלייגט קאפ צו וואס די מאמע דארף און געברענגט קארטאפל אנשטאט אייער. איך הער ווי מיין חבר'טע (מאנשי שלומינו) רופט זיך אן, "שכח. דאס האב איך געדארפט. יעצט גיי און בעט אויך דריי אייער."

אויף מיין פראגע, פארוואס זי זאגט אז זי דארף קארטאפל, זאגט זי מיר, "אויב דער אייבערשטער האט מיר ארייינגעשיקט קארטאפל, דארף איך עס יעצט. אפשר נישט צום נוצן, אפשר פאר א נסיון אז איך זאל נישט ווערן בייז פארוואס דאס קינד הערט נישט וואס מען רעדט צו איר, אבער עס איז קלאר אז די קארטאפל איז נישט אנגעקומען צו מיר בטעות." עס האט מיר געגעבן א וועק אויף. די גמרא זאגט דאך אז א מענטש צוקלאפט נישט די קליינע פינגער איידער מען רופט עס אויס אויבן אין הימל. נישטא אזא זאך ווי א טעות. יעדע עגמת נפש, פחד, זארג, בושה און טעות איז אויסגערעכנט מיט א פונקטליכע חשבון, ווען, וואו, וויפיל און דורך וועם. איז פארוואס טאקע האבן מיר טענות? אויף וועמען האבן מיר טענות?

אויב איז אין אלול דא אן אויספארקויף פון תשובה, לאמיר שנעל מאכן א תפילה. עס איז ווי ווען א געשעפט מאכט א BOGO (קויף איינס - באקומסטו די צווייטע בחינם). איין תפילה אין אלול איז ווערד אסאך מער. עס איז ווי מען געוואונט א לאטערי. פאר איין דאלער באקומסטו צען טויזנט. איין תפילה, א טריקענע, א געמאכטע, א פאלשע, א פשוט'ע, נישט קיין חילוק וועלכע סארט און עס פועל'ט אזויפיל. איין ווארט, "באשעפער איך וויל תשובה טון. איך וויל זיין צופרידן. איך וויל שוין געדענקען אז אלעס איז דו און דו ביסט אלעס און נישט האבן טענות אויף מיינע שכנים, מיין מאן, מיינע קינדער, מיינע עלטערן און אלע וואס זענען ארום מיר. העלף מיר געדענקען אז קיינער קומט מיר גארנישט און מיין גאנצע לעבן איז א מתנת חנם. העלף מיר לעבן מיט תשובה!"

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## אויס מענטש אין א Blackout

ביים טייך זיצט רעכל,
נאס ביזן קנעכל.
א בארג שמוץ וועש,
זי וואשט אויס Fresh...

חייקל וואסער טרעגער,
שטייט אויף פון געלעגער,
יאגט זיך ביים באגינען,
שעפן וואסער פון ברינען...

אין זיין הויז כמעט צעפאלן,
ביי די ליכט שוואכע שטראלן...
נייט דער שניידער מעכל,
לאטעס אויפן הויזנ'ס לעכל...

דער ראש ישיבה האט געפרעגט:
וואס טוט זיך היינטיגע טעג,
וואס צו אונז געשעט
ווען מיר בלייבן אן עלעקטריציטעט?

ווער קען זיך באגיין,
שעפן וואסער פון ברונעם אליין?
היינט ווען מיר האבן עלעקטעריק...
וויל קיינער ווי אמאל צוריק!

צדיקים זענען אן אור,
אראפגעשיקט אין יעדע דור.

קומט דער שטן מיט א מניעה:
"קענסט אליין, אן א משפיע..."

אבער, ניין!
אז דער אייבערשטער האט אונז צדיקים געגעבן,
מוזן מיר זיי האבן צום לעבן.
יא, אויך היינט זענען צדיקים פארהאנען,
צו לעבן מיטן אייבערשטן זיי טוען אונז דערמאנען...

משה קיבל תורה מסיני...
ביים בארג סיני האט אונז דער אייבערשטער געוויזן,
צום צדיק אנקומען מיר מוזן,
"באשעפער" א תפילה ווילן מיר דיר בעטן:
"מיט ערליכע אידן זאלן מיר אונזער לעבן אויסטרעטן"

* Blackout - קורצשלוס

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**

# ווארעמע
# פרעסטן

***אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב ווזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. די קעי זשי בי לאקערט אויף טריט און שריט. איין טאג איז ר' יודא לייב נישט אהיימגעקומען. אזוי איז אריבער צוויי יאר פון נישט הערן איבער אים וואו ער געפינט זיך.***

***און יעצט לייגט ווייטער:*** פורים ביינאכט בתי' שפאצירט מיט איר מאמע דורך די פארשנייטע גאסן פון קיעוו צו גיין אין שול הערן די מגילה. די ווייסע שניי האט אויסגעזען שווארץ. אט שטייען זיי פאר די זעלבע גזירה ווי המן. סטאלין ווי דער פארצייטישער המן רייבט זיך די הענט אויסצופירן דעם להשמיד ולהרוג את כל היהודים.

און דאן האט אין זיי אריינגעשטראלט א האפענונג אז שעשה נסים... בימים ההם ובזמן הזה.

קוקנדיג אויף די אידן מיט זייערע טרויעריגע פנימער האט בתי' געקלערט צו זיך, "המן און אחשורוש איז טאקע דא, אבער ווי זענען מרדכי און אסתר?"

אינדערפרי האט בתי' מיט איר מאמע געזוכט מיט וועמען צו מקיים זיין משלוח מנות, אבער זיי האבן עס נישט געקענט געבן פאר קיינעם ווייל קיינער האט דאך גארנישט געוואלט נעמען פון זיי. די מאמע האט געגעבן פאר בתי' אן עפל און א קיכל און בתי' האט דאס קונה געווען און דאן צוריקגעגעבן פאר'ן מאמע'ן.

דערזעענדיג זיך אין זייער נעבעדיגן מצב האבןביידע אויסגעפלאצט אין א געוויין. זיי האבן אזוי געוויינט און געוויינט ביז דאס קיכל אין בתי'ס שויס איז געווארן אדורכגעווייקט פון טרערן. אינצווישן די טרערן האט זיך בתי' פארטראכט און זיך אנגערופן, "מאמושקע, לאמיר שיקן משלוח מנות צום באשעפער."

די מאמע האט זיך געוואונדערט, "וואספארא סארט





25

ש. טראכטער

משלוח מנות ווילסטו שיקן בתי'לע?"

"איך וויל שיקן דאס קיכל דורכגעווייקט מיט אונזערע טרערן. זאל א מלאך קומען און דאס ארויפטראגן צום כסא הכבוד. אפשר וועט דאס ערוועקן רחמנות אין הימל אויף די גזירה פון דעם "המן" וואס וויל אונז אלע אויס'הרג'ענען?"

אזוי זיצענדיג אין שטוב פארזינקען אין זייערע מחשבות איז פלוצלינג געהערט געווארן א שטארקע גערודער פון אינדרויסן. זיי האבן דערקענט די שטומעס. דאס זענען געווען פון די שכנים. עס האט זיך געהערט פרייליך. פרייליך אין רוסלאנד? וואס מיינט דאס? מיט נייגער האבן זיי ארויסגעשטעקט די קאפ און געהערט א בשורה וואס האט זיך געהערט ווי א פורים שפיל, "סטאלין איז טויט!!"

בתי' מיט די מאמע האבן זיך איבערגעבליקט. צו איז דאס מעגליך? בעצם יום הפורים איז דער המן געשטארבן? יא, די שמועות איז געווען ריכטיג. דער מערדער, דער רשע האט באקומען זיין פארדינטן פלוצלימדיגע טויט אינעם פרייליכסטן טאג אין אידישן לוח. שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה.

"דו זעסט בתי'לע." האט די מאמע געזאגט פאר בתי', "דיין משלוח מנות איז אנגענומען געווארן. אפשר וועט אויך קומען אונזער ווייטערדיגע ישועה און דער טאטע וועט אויך אהיימגעקומען."

פלוצלינג הערן זיי א קלאפ אין טיר.

צומאל איז די ווירקליכקייט בעסער ווי סיי וועלכע געשיכטע. אזוי האט אויך דא פאסירט.

"אפשר איז עס טאטי?" האט זיך בתי' אנגערופן מיט א פארגלייזטע בליק. זי איז צוגעגאנגען צום טיר און אט דארט איז געשטאנען נישט קיין צווייטער ווי דער ליבער טאטע!

ר' יהודה לייב איז דארט געשטאנען. ער האט אויסגעזען צען יאר עלטער, שוואך און צוזאמגעבראכן אבער גאנץ און שטארק. א משלוח מנות גלייך פון הקב"ה.

ר' יהודה לייב האט אויסגעזען זייער התרגשות'דיג. ער האט געמורמלט עפעס אומפארשטענדליכע ווערטער און דאן איז ער צוזאמגעפאלן און געפאלן אויפ'ן ערד באוואוסטלאז.

ווען דער דאקטער האט אים שפעטער אונטערזוכט האט ער אנדעקט אז ר' יהודה לייב איז געווען אין א מצב פון אן ערנסטע סכנה. זיין רוקן ביין איז געווען שטארק געשעדיגט. דער דאקטער האט זיך אויסגעדרוקט, "איך פארשטיי פארוואס ער איז צוזאמגעפאלן. איך פארשטיי נישט וויאזוי א מענטש אין אזא מצב האט געקענט גיין אזא ווייטער וועג צופיס.

ר' יהודה לייב האט אים געזאגט אז גייענדיג אהיים האט ער אפילו נישט געשפירט יסורים. ער האט געשפירט ווי ער גייט אין די לופטן, אויף פליגלען. שמחה געט אזא כח פאר א מענטש אז ער שפירט נישט פיזישע יסורים. די געפיל פון שמחה זיך צו טרעפן מיט זיין ווייב און קינדער נאך אזא לאנגע צושיידונג האט אים געטריבן טראץ זיין שרעקליכע פיזישע מצב. און ווי נאר ער איז אהיימגעקומען האט ער "געלאנדעט" און דאן האבן די יסורים זיך אריינגעזעצט מיט א שטארקקייט.

דורכאויס די קומענדיגע טעג האט זיך ר' יהודה לייב ערהוילט און דערציילט פון זיינע זכרונות אונטער די רשעים.

ער האט דערציילט אז גאנצע צוויי יאר נאכאנאנד האבן די רשעים אים פראבירט צו מאכן רעדעוודיג ארויסצובאקומען פון אים נעמען פון נאך אידן וואס האבן מיטגעארבעט מיט זיין "קאנטער-רעוואלאציע" אקטן. זיי האבן געוואוסט פון זיין מצה בעקעריי און פון זיינע שבת טישן. זיי האבן אים געדרוקט צום וואנט אז ער זאל ארויסגעבן נעמען. צוויי יאר האבן זיי אים געפייניגט, אבער ער האט קיינמאל נישט געעפנט זיין מויל.

אין טאג האבן זיי אים אריינגערופן פאר אויספארשונגען און דער אויספארשער געשריגן צו אים "דאס איז עס. רעד יעצט און אויב נישט זאג איך דיר צו אז דו גייסט שטארבן! יעצט!" ר' יהודה לייב האט זיך נישט דערשראקן. טויט שרעקט נישט אפ דעם ערליכן איד וואס גלייבט אין עולם הבא.

מען דערציילט אויך פון מוהריי"ץ פון ליובאוויטש אז די רוסן האבן אים פראבירט אפצושרעקן מיט א רעוואלווער זאגענדיג, "דו זעסט די שפילצייג. דאס וועט זיין די לעצטע זאך וואס דו וועסט זען אין דיין לעבן."

האט דער צדיק געענטפערט, "די שפילצייג קען נאר אפשרעקן א מענטש וואס גלייבט אין איין וועלט און צוויי גאטן. אבער פאר אונז אידן וואס מיר גלייבן אין איין גאט און צוויי וועלטן, פאר אונז איז דאס נישט קיין סטראשע."

*לייענט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

## ראש השנה ביי מיר א



### חלק ג׳

# פראיעקט
# ראש השנ

## איז גרעסער פון אלעס

ש. טראכטער



# ה תשפ"ו

**שאלה: לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א.**

איך האב געוואלט פרעגן וואו עס איז דער מקור פונעם רבי'ן אז מ'דארף קומען קיין אומאן אויף ראש השנה. וואו שרייבט דאס דער רבי, ווען און צו וועם האט ער דאס געזאגט? לייבל

**תשובה: בעזהשי"ת – יום ג' פרשת כי תבוא לאומאן, י"ד אלול, שנת תשע"ז לפ"ק**

לכבוד לייבל נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט וואו עס איז דער מקור אז דער רבי האט געוואלט מען זאל קומען קיין אומאן; אין חיי מוהר"ן איז דא א גאנצע קאפיטל: "גֹּדֶל יִקְרַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ" – צאמגענומען אלע שמועסן פון רבי'ן, וואס דער רבי האט געזאגט איבער דעם אז מען דארף קומען צו אים אויף ראש השנה; קוק אריין דארט וועסטו זען לשונות וואס דער רבי האט געזאגט אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אזעלכע לשונות וואס קיין שום צדיק האט נישט געזאגט.

דער רבי האט געזאגט (שם, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", און איך וואונדער זיך אויף מיינע תלמידים וואס גלייבן אין מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מעורר זיין מיינע מענטשן אז אלע זאלן קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דער רבי האט געהייסן מען זאל מודיע זיין פאר אלע מענטשן וואס גלייבן אין אים, אז ער האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר, עיי"ש.

ווען עס ווארט אויף א מענטש א שווערע משפט, וועט דער מענטש ארום לויפן צו די גרעסטע לויערס זיי בעטן אז זיי זאלן עפעס טון פאר אים, זיי זאלן פרובירן אים מצדיק צו זיין, ער קוקט נישט אויף גארנישט, און גארנישט קען נישט אפהאלטן דעם מענטש פון פארן צו דעם גרעסטן לויער; דעמאלט קוקט מען נישט אויף געלט, מען קוקט נישט אויף קיין חברים, אפילו נישט אויף משפחה, מען קוקט נאר אויף זיך, מען מאכט זיך א חשבון 'וואס האב איך צו פארלירן, עס ווארט מיר אזא שווערע משפט וכו' וכו'', ווער רעדט נאך אז עס ווארט א משפט פון טויט שטראף רחמנא לצלן, דעמאלט וועט א מענטש טון אלעס אויף דער וועלט צו ווערן גערעטעוועט.

יעצט פרעג איך דיר, עס ווארט אויף אונז אלע א גרויסן משפט, ראש השנה גייט מען אונז אלע משפט'ן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם; אלע שרעקליכע טראגעדיס וואס מען הערט א גאנץ יאר השם ישמרינו – ווערט אלעס אנגעשריבן ראש השנה, יעדן טאג ווערן אוועקגעריסן יונגע מענטשן, מענער און פרויען, יונגע קינדער בלייבן אן עלטערן ה' ירחם, אלע שפיטעלער זענען לא עלינו אנגעפילט מיט אידישע קינדער; יעצט לאמיר דיר פרעגן, עס איז דא א צדיק וואס האט צוגעזאגט אז ראש השנה קען ער יעדן איינעם העלפן, ער קען אונז אלע מתקן זיין; קוק וואס ר' נתן שרייבט – וואס דער רבי האט אים געזאגט (שם, סימן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אפילו מענטשן וואס דער רבי קען א גאנץ יאר נישט העלפן, אבער ראש השנה קען ער יעדן פארעכטן.

דערפאר קומען צו פארן צענדליגער טויזענטער מענטשן קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל אלע ווילן תשובה טון, און אלע ווילן אז דער רבי זאל זיי מתקן זיין.

ווער עס איז נאך נישט געווען אין אומאן, קען זיך נישט פארשטעלן וואס עס טוט זיך אפ ביים רבינ'ס ציון; פיר און צוואנציג שעה איז דער ציון באלאגערט מיט טויזענטער אידן וואס וויינען און שרייען צום אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט: "אנדערע צדיקים וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן אזא ראש השנה, ווי ביי מיר איז ערב ראש השנה"; פארשטייט זיך אז דער ס"מ טוט זיינס, ער גייט ארום און מאכט ליצנות פון רבי'ן, ער מאכט ליצנות פון אומאן, פון תיקון הכללי וכו' וכו'; ווייל עס דארף בלייבן א בחירה און א נסיון פארן מענטש, אבער א מענטש וואס האט שכל מאכט זיך א פשוט'ער חשבון: 'עס קומט יעצט א לאנגע יאר, איך דארף ישועות, איך דארף רפואות, איך דארף פרנסה, נחת; דא איז דא א רבי וואס האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט קומען צו אים וועט ער העלפן, פון דער אנדערע זייט שטייען מיינע כלומר'ישע חברים, און משפחה, וואס מאכן ליצנות פון דעם, איך דארף קוקן וואס עס איז גוט פאר מיר'; ער פאקט זיך איין א רענצל מיט זיינע וועש, און אנטלויפט צום הייליגן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**

*(גענומען פון עצתו אמונה תשע"ז)*

# אומאן ראש השנה תשפ"!

**דאסמאל ברענגען מיר צו אייך א פרישע זייט פון די מטבע. לאמיר הערן פון איינער פון אונזערע שוועסטער פון ארץ הקודש, וואס זי האט צו דערציילן איבער די זכי' אז איר מאן פארט צום רבי'ן'ס ראש השנה.**

**איר וועט זיכער הנאה האבן, זיך דערפרישן און זיך מחזק זיין צו ליינען זאכן פון אביסל אן אנדערן קוק- ווינקל.**

## ש. לעווי

דער אמת איז אז איך האב אייך נישט וואס צו מחזק זיין, ווייל איך בין אזוי פרייליך אז מיין מאן פארט, אז עס וועגט איבער אלע טעכנישע מניעות וואס קומט אונטער.

דאס ערשטע מאל וואס איך האב געהערט די ווארט "ברסלב" איז געווען אלץ קינד, ווען איך האב מיטגעהאלטן אז א קרוב ביי אונז אין די משפחה איז געווארן א ברסלב'ער חסיד. זיין טאטע האט עס גענומען אזוי שווער און ער איז ארומגעלאפן איבערדרייען די וועלט צוליב דעם. שפעטער איז דער טאטע פון מיין קרוב געווארן נישט געזונט און איז נעבעך נפטר געווארן. די משפחה האט געוואלט זאגן אז דער ברסלב'ער זון האט אים ממש גע'הרג'עט.

איך האב זיך צוגעקוקט צו די מעשה פון די קוק ווינקל פון א קינד, איך האב געקענט די משפחה, זיי זענען געווען פינף געשוויסטער. אפאר זענען געווען גייסטיש נישט אזוי סטאביל, די אנדערע האבן זיך ליידער נישט געפירט אזוי פרום, און איך האב געזען איין פרייליכע, געזונטע ערליכע קינד, וואס איז אגב (אדער נישט אזוי אגב) ברסלב. וואס איז די בהלה? אויב האט ברסלב א שייכות מיט די אלע שיינע זאכן וואס איך זע אין אים, דארפן דאך אלע אהינגיין. ווען דער טאטע איז נפטר געווארן, איז ער געווען דער איינציגסטער וואס האט זיך אזוי שיין דעהאלטן.

איך געדענק אלץ קינד האב איך דאן געפרעגט אינדערהיים, "פארוואס מאכט מען אזא ויצעקו ארום ברסלב? וואס איז שלעכט דערמיט?" האט מען מיר אבער געזאגט, "דו פארשטייסט נישט, דו פארשטייסט נישט."

נו, אז איך פארשטיי נישט, פארשטיי איך טאקע נישט, אבער אין מיין יונגע מח איז מיר געבליבן די ספק, "וואס איז די פראבלעם מיט ברסלב?"

אפאר יאר צוריק האט מיין מאן געמאכט א גדר אז ער וועט אויפהערן הערן געוויסע טעלעפאן ליין'ס. איין טאג זאגט אים זיין חבר, "אויב דו ווילסט הערן א האטליין פון שיעורים און זיך אונטערהאלטן, דאן רוף אריין "קול ברסלב", וועסט הערן א ראש ישיבה האלטן דרשות. וועסט האבן סחורה."

מיין מאן האט טאקע גערופן און אויסגעהערט. איין טאג און נאך א טאג, צום ערשט האט ער טאקע גערופן זיך אונטערצוהאלטן אבער זייער שנעל האבן די ליכטיגע דיבורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א איינגעטראפט אין אים. מיין מאן האט געמאכט א שנעלע חשבון, "וואס האט ער צו דערלייגן?" און ער האט אנגעהויבן "פרובירן די זאך פון משניות..."

שכח אייבערשטער, איינמאל ער האט טועם געווען די טעם פון גן עדן איז שוין נישט געווען קיין וועג צוריק. ער האט שוין מער נישט געוואלט צוריקקוקן. ווי די וועלט זאגט "און די איבעריגע איז היסטאריע."

צום ערשט האט מיין מאן נישט מיטגעטיילט מיט מיר אז ער איז זיך מחי' מיט די שיעורים. ערגעץ אינמיטן זומער האט ער מיר דערציילט איבער קול ברסלב און ווי ער האט א תשוקה צו פארן קיין אומאן.

צו מיר איז ברסלב געווען אזוי פרעמד – וואס איז געווען א גרויסע חסד פון באשעפער. די איינציגסטע זאך וואס איך האב געוואוסט איבער ברסלב איז געווען די אויבנדערמאנטע קרוב, וואס איך האב אנגעקוקט זייער שיין. איך האב נאר געוואלט איין זאך, זיין א גוטע ווייב. איך האב געזאגט פארן באשעפער, "איך גיי מיט מיין מאן, וואו ער גייט נאר. העלף אונז, פיר אונז טאקע אין ריכטיגן וועג. איך בעט דיר אז מיין מאן זאל אנקומען צו גוטע און הייליגע פלעצער."

איך האב געזאגט פאר מיין מאן, "אז דו ווילסט פארן, אדרבה." איך האב ניטאמאל געוואוסט אין וועלכע עק וועלט אומאן געפינט זיך, אבער אז מיין מאן וויל, וועל איך אים אוודאי נישט אפהאלטן.

אבער מיין מאן האט מיר דאן געזאגט אז ער קען נאכנישט טראכטן פון אומאן. ער קען טון אלע אנדערע עצות און שיעורים אבער אומאן איז אים נאך צו שווער צו טראכטן דערפון.

יענע ראש השנה איז מיין מאן נישט געפארן, אבער ער האט מיר שפעטער געזאגט אז א גאנץ ראש השנה איז זיין הארץ געווען אזוי פארבענקט, אז ער האט זיך נישט געקענט מצמצם זיין אויף די תפילות, צוויי טעג וואס מ'דאווענט פון אכטע צופרי ביז זעקסע נאכמיטאג - די איינציגסטע יו"ט וואס אין ארץ ישראל האלט מען צוויי טעג - האט ער זיך געזעצט אין א ווינקל אין בית המדרש נעבן די ספרים שאפע, און די גאנצע צייט וואס די בעל תפילה האט געזינגען האט ער דורך געלערנט תשובות חת"ם סופר, גאנצע אכט בענדער, נאר אזוי האט ער געקענט אביסל פארגעסן פון זיין בענקעניש צום רבינ'ס ציון.

דורכאויס די קומענדיגע יאר, האב איך שוין אויך זוכה געווען צו טרינקען פון דעם נחל נובע מקור חכמה און אינאיינעם האבן מיר אסאך תפילות געגאסן און אסאך געבענקט אז מיין מאן מיט מיינע קינדער זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבינ'ס ראש השנה.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיין מאן האט טאקע די קומענדיגע יאר זוכה געווען צו גיין מיט די קינדער קיין אומאן.

אן אינטערעסאנטע זאך איז אז עס איז געווען געוויסע אין די משפחה וואס מיר האבן געטראכט אז מיר וועלן האבן אויסצושטיין שוועריגקייטן, האבן מיר דעריבער געמאכט אזויפיל תפילה דערויף און דוקא דארט איז געווען ספעציעל גרינג און זיס. אזוי ווייט אז געוויסע פון די משפחה זענען אונז אזוי מחזק און בענקען אזוי אז זיי זאלן אויך זוכה זיין צו האבן די כח צו קענען זיין ביים רבינ'ס ראש השנה איין טאג. בס"ד מיט אונזערע און זייערע תפילות וועלן מיר עס נאך דערלעבן.

אזוי ווי מיינע עלטערן האבן געהערט אז מיין מאן פארט קיין אומאן, האבן זיי מיר גלייך געזאגט אז איך זאל קומען צו זיי אויף יו"ט בשמחה רבה, און די זעלבע זאך האבן מיר געזאגט מיין מאן'ס עלטערן. איך האב שוין אפגעשמועסט אז איך גיי איין טאג צו מיינע עלטערן און איין טאג צו מיין מאנ'ס עלטערן, אבער דערוויל באקום איך א פאון קאל פון א ווייבל, אז איר מאמע פריידט זיך נישט צו איר אריינעמען... און זי האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס צו טון, האט איר דער ראש ישיבה געזאגט: "גיי אויף יו"ט צו משפחת לעווי". איך האב פון דעם פארשטאנען אז משפחת לעווי דארף בלייבן אינדערהיים אויף יו"ט... נאכדעם האבן גערופן נאך עטליכע ווייבלעך אז זיי האבן אויך באקומען אזא תשובה.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב שוין די ערשטע יאר געהאט די זכי' אריינצונעמען פינף ווייבלעך צו מיר אויף יום טוב. איינע איז געקומען מיט פיר קינדער און א צווייטע מיט צוויי און נאך איינע איז געקומען מיט איין קינד. אינטערעסאנט צוצולייגן אז מיר זענען די ערשטע יאר געווען צוזאמען זעקס פרויען און נאר איינס איז געווען א לערערין אין בית פיגא און היינט זענען שוין נאך פיר פון יענע פרויען לערערינס אין בית פיגא.

איך האב געקלערט צו זיך פאר ראש השנה, וואס קען זיין א גרעסערע זכות צום יום הדין ווי עפענען די טיר פארן אייבערשטן'ס קינדער?

אזויווי עס איז געווען מיין ערשטע יאר האב איך געקלערט אז נאר פאר מיר איז עס אן איבערגאנג. זייענדיג ראש השנה מיט די אנדערע ווייבלעך, האב איך געזען אז אלע זענען אין די זעלבע שיף. אויף יעדן גייט אריבער מניעות און שוועריגקייטן. למעשה האבן מיר געהאט אזא הערליך שיינע ראש השנה. מיר האבן זיך צוזאמען מחזק געווען און פרייליך געמאכט. מיר האבן זיך איינגעטיילט צווישן די פרויען ווען צו גיין אין בית המדרש הערן שופר בלאזן. א טייל זענען געגאנגען אינדערפרי און א טייל זענען געגאנגען נאכמיטאג.

די פרויען זענען געגאנגען אין א בית המדרש נעבן מיין שטוב. ווען די רביצין האט געזען אפאר פרויען קומען צו איר בית המדרש האט זי זיי העפליך אויפגענומען און אויסגעפרעגט ווער זיי זענען. איינער פון אונזערע חבר'טעס האבן אויסגענוצט די צייט פאר הפצה און איר געזאגט אז מיר זענען ברסלב'ע ווייבלעך און מיר שטייען איין דא בשכינות יעצט ראש השנה.

די רביצין האט זיך אנגערופן, "אה, ברסלב? יא, התבוננות?! איך מאך אויך צומאל התבוננות. איך גיי צום פענסטער און איך הייב אן אריינטראכטן אין די טיפקייט פון די בריאה."

האט אונזער חבר'טע זיך אנגערופן (פארשטייט זיך מיטן פילסטן דרך ארץ) אז זי וועט איר יעצט זאגן די סוד פון "התבודדות". די רביצין דארף מער נישט גיין צום פענסטער, מען קען זיין ביי די טעפ, ביי די קינדער, אדער יא ביים פענסטער און מען דארף פשוט עפענען דעם מויל און אויסדערציילן אלעס פארן אייבערשטן וואס עס גייט אריבער.

ווען מיר האבן דאס שפעטער איבערגעשמועסט און איר געפרעגט וויאזוי זי האט געהאט די כח צו רעדן צו אזא הויעכגעשעצטע רביצין, האט די ווייבל נישט פארשטאנען וואס מיר ווילן. פארוואס זאל נישט נאך א איד וויסן פון די ליכטיגע עצות? פארוואס זאל מען איר נישט געבן צוטריט צו גן עדן?

נאך א שיינע מעשה וואס איך האב געוואלט מיטטיילן. איין טאג יום טוב זענען מיר ארויס מיט די קינדער אין פארק נעבן מיין שטוב. די קינדער זענען געגאנגען אביסל פאראויס. זיבן קינדער אלע צווישן דריי און זעקס יאר. די מאמעס זענען געגאנגען אפאר טריט אונטער די קינדער. מיר האבן לעבהאפטיג פארברענגט, ווען אינצווישן ממש אונטער אונזערע אויגן זענען די קינדער פארשוואונדן געווארן. אנשטאט אריינגיין אין פארק זענען זיי אריין אין א צווייטע פלאץ און מיר האבן זיי נישט געפונען. עס האט זיך געשפירט ווי זיי זענען ממש פארשוואונדן אונטער די פיס. איך האב געשפירט ווי איך שטרעק אויס די האנט צו זיי און זיי פליען ווייטער אוועק.

מיר האבן געזוכט אהער און אהין און זיי נישט געקענט געפונען. א שעה צייט האבן מיר זיי געזוכט! איך בין זיכער אז איר ווילט הערן ווי מיר - די מאמעס - זענען געווען אין א פאניק, און פונקט דאס וויל איך אייך דערציילן. איך האב באוואונדערט צו זען וואס עס מיינט מאמעס, תלמידות פון אזא הייליגע פלאץ. אלע זענען געווען אזוי רואיג. נישט נאכגעלאזט - כאילו, עס גייט אונז נישט אן, פארקערט מיר האבן געטון וואס מיר האבן געדארפט, מיר האבן זיך אויסגעשפרייט און זיי געזוכט, אבער אלעס איז צוגעגאנגען מיט אמונה און תפילה און אזוי רואיג. עס האט מיר זייער באנומען. עס איז נישט געווען קיין טראמא און בהלה, נאר מיט אזא שיינקייט. א קידוש ה' פאר היכל הקודש. נאך א שעה האט זיי א פרוי צוריקגעברענגט צו אונז. זי האט זיי געטראפן און נאך א קורצע אויספארשונג האט זי פארשטאנען אז די סטאדע איז פארבלאנדשעט פון זייערע פאסטיכער! איך האב אבער ארויסגענומען דערפון ווי שיין און רואיג א תלמידה נעמט אן יעדע דורכגאנג.

איר ווילט וויסן וועגן מניעות? איך ווייס אייך נישט וואס צו זאגן. ביי מיר איז ב"ה אלעס איין שטיק נעימות! באמת. וואס קען זיין בעסער און ליכטיגער אז מיר לעבן אין גן עדן ביים צדיק? די לעבן איז אזוי שיין און זיס אז איך דאנק און לויב און טאנץ אז איך האב די זכי' אז מיין מאן גייט צום רבי'ן.

איך קום פון א טייערע און שיינע משפחה, און איך קוק צו פון די זייט וויאזוי מיינע ברידער און שוואגער פארן יעדע שני וחמישי צו אנדערע הייליגע צוועקן, איין מאל איז עס א סיום הש"ס און א צווייטע וואך איז עס א סיום מסכת. צומאל איז עס א מעמד קנאות און אנדערע מאל איז עס למען קדושת ישראל עסקנות. און איך זע ווי מיינע געשוויסטער בלייבן כסדר אליינס. שכח אייבערשטער אז א דאנק די שיעורים און די ליכטיגע עצות האב איך א מאן וואס איז מיט מיר אין שטוב א גאנץ יאר. איין מאל א יאר גייט ער פועל'ן פאר אונז א גוטע יאר. וואס איז דא צו מחזק זיין דערויף?

איר ווילט וויסן וואס איז שווער? איך וועל אייך זאגן. שווער איז געווען פארגאנגענע יאר, ווען עס איז געפאלן מיסעלס עטליכע טעג פאר ראש השנה און אסאך פליגערס האבן אפגעזאגט די רייזעס. דאס איז מיר געווען זייער שווער. איך האב אנגעהויבן שטארק צו מתפלל זיין. "באשעפער העלף אז מיין מאן זאל אנקומען צום רבי'ן." איך האב נישט געקענט טראכטן פון דעם געדאנק אז מיין מאן זאל חלילה נישט זיין ביים רבי'ן. נאכ'ן טועם זיין פון די אונגערישע וויין און שפירן א יאר נאך אומאן, ווי דער הייליגער רבי זאגט, "מי שהיה אצלי על ראש השנה צריך לשמוח מאד!" איז מיר געווען שווער צו טראכטן אז אפשר וועט ער נישט קענען פארן.

צענדליגער טויזענטער אידן פון ארץ ישראל זענען געווען געשטראנדעט אויף די וועגן. אידן זענען געקומען פון אלע וועגן און אומוועגן צום רבי'ן אויף ראש השנה. איך מיין אז גאנץ אייראפע האט באקומען א תיקון פאריגע יאר. מיין מאן איז געווען מיט פיר קינדער צווישן א חבורה אנשי שלומינו וואס זיי זענען געזיצן אכצן! שעה אין עירפארט, ווייל עס איז אנגעקומען א קלענערע פליגער ווי ערווארטעט. דאס מיינט אז זיי האבן פארקויפט מער טיקעטס ווי זיצן. מיט אסאך תפילה זענען זיי דאן ארויף א פליגער צו גריכלאנד,



די מלמדים מיט די קינדער ביים רבינ'ס ציון

און פון דארט זענען זיי ווייטער געפארן קיין דייטשלאנד. דערנאך האבן זיי גענומען א באס צוואנציג! שעה דורך מאלדאווע קיין אומאן!

אנדערע זענען נישט אפגעקומען אזוי גרינג ווי מיין מאן און האבן געדארפט פארן פערציג שעה אויף א באס. אנדערע אינגעלייט זענען געווען אויף א שיף פיר שעה פון קפריסין און צום סוף האבן זיי געזען אז זיי וועלן דאס נישט מאכן און זיך געמוזט צוריקדרייען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער מחזק געווען די אינגעלייט אז זיי זענען ביים רבי'ן און אז זיי האבן אזוי געוואלט און זענען זיכער זוכה צו אלעס וואס דער רבי האט צוגעזאגט.

איין ווייבל וואס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה האט דערציילט אז איר מאן איז אנגעקומען זעקס מינוט צו די שקיעה, אינגאנצן צוקנאקט, האלב לעבעדיג. זיינע קליידער האבן ממש געקלעבט צו אים פון די לאנגע אויסגעמאטערטע וועגן. מען האט עס בפועל געדארפט אראפציען פון אים.

ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, "יא עסן נישט עסן, יא שלאפן נישט שלאפן, יא דאווענען נישט דאווענען, אבי זיין ביי מיר אויף ראש השנה. ראש השנה שלי עולה על הכל."

ווען מיינע קינדער זענען ב"ה אנגעקומען אהיים, פארקלעבט און פארשוויצט (אויף אזוי וויט אז איך האב געמוזט אוועקווארפן אלע בגדים, עס איז געווען צו פארקלעבט און חרוב פון די לאנגע וועגן) האב איך זיי געפרעגט וויאזוי איז געווען די וועגן? האבן זיי מיר געענטפערט מיט א שמייכל אז די וועג אהיים איז געווען עפעס עקסטער שנעל און געשמאק. ממש קפיצת הדרך. איך בליק זיך איבער מיט מיין מאן און פרעג אים וואס דאס מיינט. האט זיך מיין מאן צושמייכלט און געזאגט, "אוודאי, פאר זיי איז געווען קפיצת הדרך. זיי זענען נאך געווען אזוי אויסגעזעצט פון די וועג קיין אומאן, אז זיי זענען געשלאפן א גאנצן טאג. אין עירפארט זענען זיי געפאלן אויף די בענק איינער אויפ'ן צווייטן, אין קאר, אין באס, אויפ'ן פליגער. זיי האבן אפילו ארומשפאצירט אינעם עירפארט שלאפעדיג. די איינציגסטע פראבלעם איז געווען אז איך האב זיך געדארפט מסדר זיין אליינס מיט זעקס רענצלעך און פיר שלאפעדיגע קינדער. אבער שכח אייבערשטער אבי מען האט געקענט זיין ביים רבי'ן. אוי... האט זיך עס געלוינט!"

ווען עס איז געווען שמועות ערב יום טוב אז די מענער וועלן אפשר נישט אנקומען קיין אומאן, בין איך געווארן אזוי איבערגעוועלטיגט מיט געפילן. איך האב אזוי מתפלל געווען און איך האב געזאגט פארן אייבערשטן א זאך וואס איך האב קיינמאל נישט געטראכט איך וועל קענען זאגן, "הייליגער באשעפער מאך מיר א נס אז מיין מאן און קינדער זאלן אנקומען צום רבי'ן. עס גייט מיר אין לעבן, אויף סיי וועלכע וועג. אויב מיין מאן קומט אן אהיים, שפאר איך אים צו די טיר." איך האב זיך אליינס געוואונדערט פארוואס איך האב זיך אויסגעדרוקט אזוי. דאס איז אבער געקומען פון א טיפע אינערליכע פלאץ וואס עס האט מיר אזוי געברענט דאס הארץ אז מיין מאן זאל זוכה זיין אנצוקומען אהין. און שכח אייבערשטער אז תפילה פועל'ט, און זיי האבן טאקע זוכה געווען אנצוקומען.

איינער האט מיר געזאגט אינמיטן יום טוב אז זי האט געהערט אז מיין מאן האט למעשה געדינגען א פריוואטע פליגער וואס קאסט שווערע אלפים און אזוי איז ער אנגעקומען. איך האב זיך גע'חידוש'ט, אבער איך האב געקלערט, "עס גייט מיר נישט אן. זאל ער צאלן מיליאנען, אבי זיין ביים רבי'ן." (עס איז למעשה נישט געווען אמת, עס איז נאר געווען א רעדע דערפון.)

די נסיעה מיט אלע מניעות (נעימות) האט אפגעקאסט א שיינע מטבע. איך האב געוואוסט אז דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט אז די שפעזן צו קומען צום רבי'ן איז אויפ'ן רבינ'ס קאנטע. מיר האבן געגלייבט דערין באמונה שלימה. מוצאי שמחת תורה זאגט מיר מיין מאן אז די גאנצע נסיעה איז שוין אויסגעצאלט.

מיר פרויען, זענען געשטאנען נעבן די ליכט און געווארט צו הערן פון די מענער אז זיי האבן בשעה טובה באטראטן די ערד פון אומאן און דאן זענען מיר געלאפן מקבל זיין דעם נייעם יאר מיט שמחה!

פרעג איך אייך, אז מען לערנט די מסירת נפש פון אונזערע מענער, אפילו ווען אלעס גייט כשורה, ווי קומט אריין חיזוק? זענען מיר נישט מחוזק מיט א שמיץ אריבער אז מיר זענען זוכה צו לעבן אזא העכערע לעבן, ווי מען קוקט נישט אויף קיין עולם הזה, קיין באקוועמליכקייט, נאר מען איז זיך מוסר נפש בכל לבבך, ובכל נפשך ובכל מאדך צו טון רצון צדיק? אשרינו, טייערע שוועסטער מארבע כנפות כל הארץ אז דו ביסט זוכה צו זיין אן עזר כנגדו און האבן א חלק אין די הייליגע נסיעה פון דיין מאן.

דאס דערמאנט די שיחה פון רבי'ן איך זע די וועגן וואס איר קומט צו מיר ווי עס שיינט און לייכט. אויך זאגט דער הייליגער רבי אין ספר המדות: טוב לבלות זמן רב, בשביל שעה אחת, שיתקרב לצדיק. עס איז ווערד אוועקצוגעבן אסאך שעות, אסאך צייט צו זיין איין שעה ביים צדיק. אלע אידן איבער די וועלט זענען דאס מקיים, אבער די אידן פון ארץ ישראל האבן דאס מקיים געווען אין פולן זין פוןווארט.

אויך דאס יאר דארפן אידן אין ארץ ישראל, ספעציעל די בחורים גרויסע נסים אנצוקומען צום רבי'ן. א פרוי דערציילט מיר היינט אז זי פארט ארויף צפון צו רבי שמעון און צו מוהרא"ש זיך אויסבעטן אז איר מאן, וועלכע האט פראבלעמען מיט ארויספארן, און פאר אלע אידן וואס בענקען און ווילן (און ווילן וועלן) אנקומען צום רבי'ן.

טייערע שוועסטער, חזק ואמץ! אויב וואלט איך געקענט דיר טרעפן, וואלט איך דיר ארומגעכאפט און געטאנצט מיט דיר א גאנצע נאכט "אשרינו שיש לנו רבי כזה!" וואויל איז אונז אז דער אייבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט און אונז דערהויבן אז נישט נאר וואס מיר קריגן נישט אויף אזא רבי מיט זיינע הייליגע תלמידים, נאר מיר זענען זוכה צו זיין א חלק פון אזא הייליגע און ליכטיגע חבירה! ומה נעים גורלנו, ווי זיס און שיין איז אונזער טייל! בלייבט מיר נאר איבער צו וואונטשן פאר אונזער משפחה און פריינט, "פאר אייך געוואונטשן אזא גליק! איך וואונטש דיר זאלסט אויך זוכה זיין דערצו און דעלעבן צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה."

עס איז דא א דיבור פון רבי נתן, אז דער רבי האט געזאגט אז אויבן אין הימל זאל מען זיך עקשנ'ען און זאגן, "עקט דא מיט מיר" (געבט אייך אן עצה מיט מיר דא אויבן) אבער נישט צוריק מגולגל ווערן. האט אבער רבי נתן געזאגט, אז עס לוינט אריבערצוגיין די גרויסע יסורים פון מגולגל ווערן נאר צו קענען זוכה זיין איינמאל אין זיבעציג יאר צו קענען זיין ביים רבינ'ס ציון. אשרינו פאר אונז צו וואס מיר זענען זוכה.

# בשורה טובה
# לתושבי קעטסקילס

אין ליכט פון די שטארקע הצלחה פון די זומער וואכן וועט
די היימישע ספעציאליסט פאר קינדער און ערוואקסענע

## NECHAMA DINA
## JAFEE, PA

בלייבן אינעם ליבערטי מעדיקל צענטער פאר א גאנץ יאר.




איר לאנגע יארן ערפארונג און אויסגעצייכנטקייט וועט אונז העלפן
באדינען דעם ציבור במשך דעם יאר אויפ'ן בעסטן פארנעם.

aHava™ medical

Home to better health™ | ahavamedical.com
25 Carrier St. Liberty, NY 12754 • 845.281.7200
To reach our manager Mr. Klein dial #4053



ג. פעקעטע

# אויסגעצעקלט אדער אנגעפעקלט

ער טוט זיך אלץ אויף אז שוין פון קינדוויז אן איז ער א געווען א פיפיגער ביזנעסמאן. יאסקע פלעגט אלץ גראבן פון אונטער דער ערד אויפצוקומען מיט עצות ווי אזוי ער קען מאכן אפאר דאלער. פאר סוכות פלעגט ער זיך אנשליסן אויפצושטעלן סוכות און מאכן שלאקס - פאר בלויז אפאר דאלער. פאר פסח האט ער געמאכט די שריפת חלות און די גליען כלים, חנוכה פלעגט ער זיך אונטערנעמען צו צאמדרייען היימישע קנויטן. אזוי דורכאויס די יאר, וואו ער האט נאר געקענט האט ער פרובירט ערגעץ אונטערצוגראבן צו מאכן אפאר דאלער.

די יונגע יארן זענען פארביי געגאנגען, און יאסקע האט זיך געטראפן אלס אינגערמאן מיט אפאר דאלער גרייט צו אינוועסטירן אין אן אייגענעם ביזנעס. ס'האט נישט געדויערט לאנג און יאסקע האט געשלאסן א דיעל מיט אט זיין אייגנארטיגקייט, זיין ספעשעלטי אין וואס ער האט זיך אלעמאל אויסגעצייכנט, גראבן פון אונטער די ערד אהיימצוברענגען אפאר דאלער.

ס'איז אים אונטערגעקומען א געוואלדיגע דיעל, אפצוקויפן א געשעפט וואס גראבט שטיינער. וועסטו זיך וואונדערן וואס דארף מען גראבן שטיינער? ס'איז דא שטיינער לרוב אין די וועלדער און פעלדער אויף די בערג צווישן די וועגן און שטעגן. נישט פון די סארט שטיינער רעדן מיר. יאסקע איז אריין אין די פעלד פון גראבן, כדי אויפצוגראבן טייערע שטיינער. דיימאנטן וואקסן טיף אונטער די ערד, און מען דארף זיי אויפגראבן, פיצן, שלייפן און שניידן זיי צו מאכן שיינען, און אזוי פארקויפן.

זילבער און גאלד איז אויך א סארט מינעראל וואס וואקסט אונטער די ערד און דארף ווערן אויפגעגראבן. אבער יאסקע איז אריין אין גאר א פיפטע פעלד, א איינצעלע פארשטופטע פעלד - פארשטופט ערגעץ אין די הרי אררט. יענע ערד געבט ארויס א ספעציעלע, זעלטענער שטיין -

## יאסקע האט גוט געוואוסט ביי זיך אז ער האט נישט צופיל האפענונג, ער האט זיך געהאט אפגעזאגט פון יעדע אינשורענס אגענט וואס האט אים פרובירט צו פארקויפן א פלאן.

Black Onyx - וואס רופט זיך ’א שווארצע דיימאנט’. עס קען טאקע אויסזען ווי פעך און שוועבל ביים גראבן, אבער דאס ברענגט אריין א הון רב.

יאסקע האט זיך געשטעלט צו די ארבעט. ער האט איינגעשפאנט א גאנצע גרופע ארבעטערס, איינגעקויפט די טייערסטע מאשינען, אויסגערעכנט די מערסטע קראנט און אקוראט וועג צו צילן די אנפאנג פון די שווערע און טיפע גראב ארבעט וואס ברענגט ארויף די שווארצע שטיין.

אפילו פאר זיינע איינגעשטעלטע האט ער נישט מיטגעטיילט די חשיבות פון די שטיינדל, נאר ער האט ארומגעדרייט מיט זיי א מעשה אז ס'איז פשוט די סארט שטיינער וואס ער וויל, און וויבאלד עס וואקסט אין די געוויסע פארשטופטע ארט, קען ער עס פארקויפן און מאכן פון דעם א טייערערע סארט פעך וואס פארקויפט זיך פאר אפאר דאלער מער ווי סתם אזוי צעמענט. די אמת איז אבער אז די שווארצע דיימאנט שטיינער פארקויפן זיך פאר שווערע שווערע געלטער, און דאס האט יאסקע נישט מיטגעטיילט מיט זיינע ארבעטערס.

ס'איז געקומען די טאג, און דער עולם לאזט זיך ארויס, בעסער געזאגט אראפ, גראבנדיג זייער וועג אראפ, צו אויסארבעטן די ערד און ארויסמיינען די שווארצע שטיינדעלעך.

יאסקע האט אינסטאלירט קאמערעס צו קענען מיטהאלטן די ארבעט, כאטש וואס ער איז נישט אויפן ארט דורכאויס די גראב אקציע, פון צייט צו צייט פלעגט ער אנקומען אויף א סורפרייז באזוך, צו קוקן פון די נאנט, און מאכן זיכער אז די ארבעטער ארבעטן פארלעסליך און באגלייבט.

ס'איז אריבער אפאר וואכן וואס מען האט צאמגעקליבן היבש א קליין בערגל פון שווארצע שטיינדלעך.

יאסקע האט זיך געשטעלט צו די ארבעט עס אויספיצן, אויסשארפן, אויסגלאנצן... אלעס אוועק פון די אויגן פון זיינע מיטארבעטער.

ער האט אנגעהויבן מיט די סעילס פיטשעס - וואו ער וועט יעצט פארקויפן די טייערע זעלטן אייגנארטיגע שווארצע דיימאנטן.

יאסקע לאזט זיך ארויס אויפן וועג צום דיימאנט און דזשולערי סוחרים צו פארקויפן זיין שטיינדל.

ביז בלויז אפאר טאג איז ער געווען דריי פערטל ליידיג און א געוואלדיגע דיעל אנגעלאדענט מיט פולע טאשן פון דיפאזיטס. די געשעפט האט זיך שנעל אויסגעצאלט, ס'איז געבליבן בלויז אפאר שטיינער אוועיליבל צום פארקויפן. יאסקע האט געקלערט אז ער וויל דאס אנטראגן פאר גאר א גרויסער סוחר, און ער האט געווארט צוריקצוהערן פון יענעם, ווען עס איז א גוטע צייט זיך צו טרעפן.

ווען מען האט ענדליך באשטימט א גוטע צייט, האט זיך יאסקע ארויסגעלאזט מיט זיין געשפארטע טראנק, מיט צוויי סיקיוריטי שלעסער, צו גיין מאכן די געשעפט מיטן גרויסן סוחר.

יאסקע ציט זיך אריין אין יענעמ'ס פארקינג לאט, און איילט זיך ארויס ברענגען זיין סחורה צום סוחר.

ס'נישט דא די ריכטיגע ווערטער צו באשרייבן די פאניק, שרעק און צער וואס האט באטראפן יאסקע ביים עפענען די דאבל סקיוריטי טראנק וואו ער האט געהאלטן זיין אוצר פון שווארצע דיימאנטן אריינגעבויעט אין א באהאלטענע ווינקל אינטער די סחורה פון זיין קאר - און ער טרעפט עס ליידיג...

די פארלוסט וואס יאסקע זעט פאר זיינע אויגן איז געווען גאר גרויס! די זעקל שטיינער איז דאך געווען ווערד שווערע שווערע טויזנטער דאלארן. און דא... טרעפט ער זיך אויסגעזעקלט.

עס האט זיך אריינגעזעצט א שווערע שווארצע שטיין טיף אין זיין קערפער. יאסקע האט גוט געוואוסט ביי זיך אז ער האט נישט צופיל האפענונג, ער האט זיך געהאט אפגעזאגט פון יעדע אינשורענס אגענט וואס האט אים פרובירט צו פארקויפן א פלאן.

ער האט דאך געוואוסט קלאר זיין מהלך און צוגאנג צו זיינע געשעפטן. און ער האט פארשטאנען אז ס'איז נישטא קיין וועג עפעס זאל אים שטערן, אונטערקומען אדער אראפווארפן פון זיינע הצלחות. ער האט עס געהאט אויסגערעכנט אראפ ביזן לעצטן דעטאל.

און יעצט? שטייט יאסקע אין פארנט פון א בא'גנב'עטע טראנק... אן א אינשורענס פלאן וואס קען אים ווען אפצאלן זיין גאנצן מיליאנען דאלערדיגע פארלוסט.

"איך וועל זיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט, איך זאל אים א טובה טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויסציען פון שאול תחתית" - האט דער הייליגער רבי געזאגט מיט צוויי עדים ביי זיין זייט.

וואו איז דא א שטערקערע אינשורענס ווי דעם?




מיר ווילן דאך אלע זיין גוט, מיר ווילן דאך אלע זיין וואויל און פיין, יעדער פרובירט אריינכאפן תורה, מצות, מעשים טובים, גמילות חסדים, יראת שמים, חינוך הבנים והבנות... אבער ס'שטענדיג דא דער גנב, דער יצר הרע, דער שטן, וואס פרובירט אונז אראפ צווארפן, בא'גנב'ענען און בארויבעווען פון אונזערע מעשים טובים. ער רוט נישט, ער זוכט יעדע סארט וועג, גראבן פון אונטערן ערד, אונז צו אויסזעקלען.

קומט דער הייליגער רבי און זאגט אונז צו א צוזאג, וואס קיין איין צדיק האט נישט געגעבן אדער געמאכט. אדרבה, וועסטו מיר ברענגען א צוזאג פון א צדיק וואס קען מיר העלפן אין מיין לעבן, בזה ובבא, וועל איך זיך ארויפכאפן דערויף. אבער איך האב נאכנישט געפונען די צוזאג - נאר ביים הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

וואס איז בכלל די שאלה? איך וויל נישט אויסקומען ווי יאסקע, אויסגעזעקלט, טראץ וואס ער איז געווען אזוי זיכער ביי זיך אז ער טוט אלעס ריכטיג, און ס'איז נישטא קיין וועג אים צו בא'גנב'ענען אדער אויסשפילן, איז ער געבליבן אן גארנישט. ווייל ער האט זיך געהאלטן קלוגער פון אינשורענס אגענטן וואס פארזיכערן טאקע אין אזעלכע אומשטענדן, אין א מצב וואס מען האט זיך נישט גערעכנט דערויף, נאר עס קומט אונטער ביי יעדן אין זייער לעבן אויף אן אנדערן שטייגער.

איך וועל יא נעמען די אינשורענס פון דער הייליגער רבי וואס האט געזאגט: "הראש השנה שלי עולה על הכל - מיין ראש השנה איז העכער פון אלעם, און יעדער איינער מוז קומען צו מיר אויף ראש השנה". איך בין נישט קיין איבער חכם, איך גלייב אין א צוזאג פון א צדיק. און אז דער רבי לייגט נאך צו "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה קען זיך פרייען א גאנץ יאר", אוודאי וועל איך פרייליכערהייט ארויסשיקן מיין מאן! איך בארג שוין יעצט אויס פון די שמחה וואס וועט מיר קומען פון דער רבינ'ס ראש השנה, וואס איך האנדל זיך איין דורך מחזק זיין מיין מאן, צו זיך פארזיכערן מיט א שטארקע אינשורענס פלאן און אומאן ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה - פאר'ן קומענדיגן יאר תשפ"ו.

תכלה שנה וקללותיה

בעזהשי"ת

NEW

# Little Stories for Little Souls 2

get ready to take your
storytelling to the next level...




Available at:

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
**ברסלב**

718-387-2691

Shop.breslevcenter.com

קינדער
# בלעטל

וואס עסן די פרויען ווען די מענער פארן אויף אומאן?

- געב א שמייכל




האלט אייך געשפאנט! נאך איין וואך פארבליבן צו די מעכטיגע

# ראש השנה פראגראם

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר׳ נתן האט געזאגט: ״אפילו דער רבי וועט מיך שלאגן מיט א דראנג,
וועל איך פון רבי'ן נישט אוועקגיין!״

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע פיר זאכן האט דער רבי געזאגט מען זאל טון ראש השנה?**

| | |
|---|---|
| א. טראכטן גוט | ה. אסאך לערנען |
| ב. דאווענען בקול | ו. וויינען |
| ג. נישט שלאפן | ז. רעדן וואס ווייניגער |
| ד. זיין פריילך | ח. זאגן תהלים |

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ״די מתנה פון ראש השנה האב איך באקומען פונעם אייבערשטן אליין!״

## געב א שמייכל

**וואס עסן די פרויען ווען די מענער פארן אויף אומאן?**

געברענגט צו אייך דורך הר״ר אלחנן חיים רוטה שליט״א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**סג. עַל יְדֵי שֶׁקֶר, בְּוַדַּאי תִּשְׂנָא הָעֲנָוִים.**

אַז דוּ זָאגְסְט לִיגְנְט, וֶועסְטוּ זִיכֶער פַיינְט הָאבְּן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלֵיין.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **אברהם יהודה יאקאבאוויטש - נורסערי - קרית ברסלב**

# מענטשערלך

## יוּדֶעלֶע פָּארְט קַיין אוּמַאן

ערשטע חלק

די בְּלוּמֶען שָׁאקְלֶען זִיךְ מִיט דִי תַּמּוּז ווִינְטְל. דִי זוּן שַׁיינְט אוּן יוּדֶע'לֶע שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק. עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִי פְרֵיילִיכֶע טָאג. יוּדֶע'לֶע גֵייט הַיינְט צוּ דִי פַּאסְפָּארְט אָפִיס. עֶר אִיז שׁוֹין זֶעקְס יָאר אוּן עֶר גֵייט דִי יָאר פָּארְן צוּ אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

יוּדֶע'לֶע פְרֶעגְט טַאטִי אוֹיפְן וֶועג, "פַארְוָואס פָּארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?"

טַאטִי עֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד. אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט יעדֶער מֶענְטְשׁ גֶע'מִשְׁפָּט. וֶוער וֵוייסְט וָואס פַאר אַ גְזֵירוֹת עֶס וַוארְט אִין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר? צִי חַס וְשָׁלוֹם אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, צִי חַס וְשָׁלוֹם מַחְלוֹת, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אָרֶעמְקֵייט אוּן חוֹבוֹת, צוּ אַנְדֶערֶע בִּיטֶערֶע אָנְשִׁיקֶענִישְׁן. מִיר דַארְפְן הָאבְן אַ גְרוֹיסְן מֵלִיץ יוֹשֶׁר, אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, וָואס זָאל אוּנְז קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער, הֵיילִיגֶער צַדִיק, רֶבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין גַאנְצֶער זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בִּירוּשָׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן (וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים) נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה, אַז אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס אִיז זִיכֶער אַז אִיר אַלֶע, מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים זֶענְט אַוַודַאי אָנְגֶעווִיזְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אַפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה".



בילדער: ח. שטיינבערג




דֶער אַרְבֶּעטֶער קוּקְט אִיבֶּער אוּן זִיגְלְט אַלֶע פַּאפִּירְן. "דִי פַּאסְפָּארְט וֶועט זַיין גְרֵייט בִּיז צְוֶועלְף וָואכְן", הָאט עֶר גֶעזָאגְט.

"אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אִין צֶען וָואכְן פוּן הַיינְט," זָאגְט יוּדֶע'לֶע.

"וָואס קֶענֶען מִיר טוּן עֶס צוּ בַּאקוּמֶען שְׁנֶעלֶער?" הָאט טַאטִי גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַרְבֶּעטֶער. עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט. "אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דָא צוּ טוּן".

"אִיךְ וֵויים!" הָאט יוּדֶע'לֶע גֶעזָאגְט. "מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פַּאסְפָּארְט זָאל פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַן עֶרֶעפְּלַאן אַרַיין אִין אוּנְזֶער פָּאסְט קֶעסְטְל".

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, דֶערְצֵיילְט טַאטִי וַוייטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אַפִילוּ אַ פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעטֶע נְשָׁמָה, וָואס אֲפִילוּ אִיךְ אַלֵיין קֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיבּ עֶר קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אִים אוֹיךְ מְתַקֵן זַיין, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ מַאכְן גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען אִיךְ נִישְׁט".

וואוּ טְרעפְט מֶען אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַזַא צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וֶועט בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין, דֶער וֶועט נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען פוּן דָארְט לֵיידִיגֶערְהֵייט, נָאר עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען יְשׁוּעוֹת רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה?

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר זֵייעֶר, וִויבַּאלְד מַיינֶע חַסִידִים גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט צוּאַיילְן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר...? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן... מֶען דַארְף אוֹיסְרוּפְן פַאר יֶעדְן, אַז וֶוער עֶס וִויל מִיךְ צוּהֶערְן זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה... וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן..."

יוּדֶעלֶע'ס גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער יוֹסִי גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ צוּ פָארְן. "טַאטִי, מִיר הָאבְּן שׁוֹין טִיקֶעטְס פַאר דִי עֶרֶעפְּלַאן?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט.

טַאטִי שְׁמֵייכְלְט, "צוּ אוּמַאן קֶען מֶען נִישְׁט פָארְן מִיט אַ טִיקֶעט אוּן אַ פַּאסְפָּארְט, נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת. וֶוער עֶס וִויל אָנְקוּמֶען צוּ אוּמַאן דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן, "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה."

יֶעדְן טָאג וֶוען יוּדֶע'לֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר, "מַאמִי דִי פַּאסְפָּארְט אִיז שׁוֹין דָא?" מַאמִי עֶנְטְפֶערְט, "נֵיין צַדִיקְ'ל, עֶס וֶועט נָאךְ נֶעמֶען אַסַאךְ צַייט".

מַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיף אַן אַייסֶעס "שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס. עֶר קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַז יוּדֶעלֶע'ס פַּאסְפָּארְט זָאל אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל.

יוּדֶעלֶע טְרַאכְט אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק. "פְרֵיידִי אוּן שִׂמְחָה'לֶע, דִי אַייסֶעס הֵייסְט אוּמַאן אַייסֶעס, וֶוען מֶען עֶסְט אַ אוּמַאן אַייסֶעס דֶערְמַאנְט עֶס אוּנְז צוּ בֶּעטְן. מַאמִי גִיבְּט זֵיי אוֹיךְ אַ אוּמַאן אַייסֶעס אוּן זֵיי בֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פַּאסְפָּארְט זָאל פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַן עֶרֶעפְּלַאן אַרַיין אִין דִי פָּאסְט קֶעסְטְל, אוּן טַאטִי, יוֹסִי, יוּדֶעלֶע אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**לֵיינְט וַוייטֶער קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.**

# קליין און פיין



עמרם ראטה



פנחס און ישעי שטיינבערג



שרה יאקאבאוויטש און העני בוים



יוטי שטיינבערג




משפחת פרידריך





חי אסתר יאקאבאוויטש

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



יודל יאקאבאוויטש


חיה שרה הורוביץ


שרי שטיינבערג


מענדי שווארץ


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה בוים


שרה שטיינבערג


ליפא זאבעל


נתי אפפענהים

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



ובהם נהגה יומם ולילה



אין א שמועס מיט די גבאים פונעם קרן הבנין





קידוש לבנה אין שטעטל

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמואל בלעדי



הבדלה אין שטעטל - מוצש"ק ראה תשפ"ה



וועכענטליכע שיעור פאר די אינגעלייט



לחיים פון הבחור יצחק נ"י בן מו"ה שבתי מזרחי הי"ו



חבר הנהלה מו"ה שבתי מזרחי הי"ו באזוכט אין די מוסדות קאך



גרויסע שיפמענט אנגעקומען צום בית התבשיל



קינדער ניצן אויס די פארטאגס שעות



מען לייגט גראז ביי די פארקינג לאט ביים נייעם ביהמ"ד




ערשטע פעקלעך פלייש פון די נייע בית השחיטה

# זכות מהדורה

# $10,000

מוה"ר
**אשר לעמיל זוסמאן**
הי"ו

## חלק ג'

# זכות פרק - $1000

פרק א'
מוה"ר **שלום יצחק מאסרי** הי"ו

פרק ב'
מוה"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו

פרק ג'
מוה"ר **דוד טשינגל** הי"ו

פרק ד'
מוה"ר **נחמי' דייטש** הי"ו

פרק ה'
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו

פרק ו'
מוה"ר **יהודה וייל** הי"ו

פרק ז'
מוה"ר **משה ראזענבערג** הי"ו

פרק ח'
מוה"ר **אברהם יהושע וועבערמאן** הי"ו

פרק ט'
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

פרק י'
מוה"ר **שלמה בריסק** הי"ו

פרק י"א
מוה"ר **יוסף הכהן פריעדמאן** הי"ו

פרק י"ב
מוה"ר **משה סאלז** הי"ו

פרק י"ג
מוה"ר **שלמה טויסיג** הי"ו

פרק י"ד
מוה"ר **שלמה זלמן גלאנדשטיין** הי"ו

פרק ט"ו
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

פרק ט"ז
**לע"נ ר' צבי הירש בן ר' בנימין אייזיק ע"ה**

פרק י"ז
מוה"ר **בניהו אונגאר** הי"ו

פרק י"ח
מוה"ר **שלמה לאנדא** הי"ו

פרק י"ט
מוה"ר **משה שניטצער** הי"ו

פרק כ'
מוה"ר **העניך איינדיג** הי"ו

פרק כ"א

פרק כ"ב

פרק כ"ג

פרק כ"ד

לעצטע געלעגנהייט לעצטע געלעגנהייט לעצטע געלעגנ




**זכות פרק $1000**

**זכות $500**

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

**פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי**
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347 578 4449**